קרית ברסלב
בלעטל
שנה ה׳ נומער 250
פרשת ויחי · תשפ״ה




**שטעטל נייעס:**
הרחבת גבולי הקדושה ביים בית המדרש הגדול

**וועלטליכע נייעס:**
פרעזידענט קארטער געשטארבן אין עלטער פון 100 יאר

**היכל הלכה:**
וועלכע סארט כלים דארף מען טובל׳ען?

# הילולת רבי נתן ז״ע עשרה בטבת

**רבי נתן:** אייער עובדא זאל זיין דרוקן די ספרים, יפוצו מעינותיך חוצה.

## חזק חזק ונתחזק! סיום סדר בראשית!

קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויחי תשפ"ה • 250

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן

**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
ש. טראכטער
אברהם יצחק אייזנער

**ניקוד**
יודא לייב ווייס

**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ

**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער

**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:

אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com

ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069




10 נייע טאלל פרייזן אין מאנהעטן





20 הלכות טבילת כלים





28 שותף מיט אילן מאסק

8 שטעטל נייעס
10 וועלטליכע נייעס
25 ברסלב'ע שטוב
35 קינדער בלעטל


## זמנים
ויחי י"א טבת

הדלקת הנרות .. 04:29
מוצאי שבת ...... 06:01

**מנחה מעריב**
פרשת שמות
05:45









# פרייליכע מעלדונג!

קומענדיגע וואך זונטאג פרשת שמות
וועט פארקומען א גרויסע אויספארקויף
פון מענער מלבושים אין
ביהמ"ד אילן החיים
4:00 נאכמיטאג

117 Radcliff Road Ferndale, NY 12734

# היסטאריע בלעטער



## 2025: די פארשטעלטע
# נאציס זענען דא!!!

ש. ב. היסטאריקער

**נאצי דייטשלאנד תרצ"ט.**

עס איז געווען שווערע צייטן דעמאלטס, בלויז געציילטע חדשים נאך די טרויעריג בארימטע קריסטאל נאכט. רוב אידן פון דייטשלאנד האבן געפאקט פעק און געהויבן פיס, דאס ביסל אידן וואס זענען איבערגעבליבן האבן זיך געדארפט פארמעסטן מיט די פילע אנטיסעמיטישע געזעצן וואס די נאציס ימ"ש האבן איינגעשטעלט.

עס האט דאן אויסגעקוקט ווי עס איז "געים אוועק". דייטשלאנד האט איינגענומען נאך און נאך שטחים, און דאס איז נאך געווען פאר די צווייטע וועלט מלחמה, דייטשלאנד האט איינגענומען עסטרייך פשוט מיטן אריינשפאצירן אן שיסן אפילו איין קויל. זיי האבן דאן איינגענומען א חלק פון טשעכאסלאוואקיע בלויז מיטן זיי סטראשענען מיט א מלחמה, אבער ס'איז זיי ליידער נישט געווען גענוג. דער רשע ימ"ש איז געשטאנען און געשריגן אז די דייטשן דארפן מער פלאץ... דייטשלאנד איז נישט גענוג גרויס פאר אלע דייטשן.

דאן האבן זיי געלייגט אן אויג אויף פוילן, יא, די אלט באקאנטע פוילן ווי אונזערע עלטערן האבן געלעבט פאר א געשאצטע טויזנט יאר איז ארויף אויף די ראדאר פון די דייטשן אז דארטן ברויך מען אריינשטעלן א פיס און עס פארכאפן פאר זיך.

פוילן האט פארשטייט זיך נישט מיטגעשטימט מיט די דייטשע פלענער... זיי האבן זיך צוגעגרייט אז אויב וועט דייטשלאנד זיי אינוואדירן, זאלן זיי נישט ווערן איבערגעפארן, נאר זיך קעגן שטעלן די דייטשן מיט א לאנג פארצויגענע שלאכט. פוילן האט געשלאסן אן אפמאך מיט פראנקרייך און ענגלאנד אז אויב דייטשלאנד וועט זיי אינוואדירן וועלן די צוויי אויבנדערמאנטע דעמאלטס'דיגע (איינגערעדטע) גרויסמאכטן זיי קומען ארויס העלפן.

די דייטשן ימ"ש האבן זיך געגרייט אנצוהייבן א מלחמה מיט פוילן, זיי האבן געשיקט צום גרעניץ איינס און א האלב מיליאן סאלדאטן מיט איבער צוויי טויזנט טאנקן (!), ווי אויך האבן זיי אנגעגרייט הונדערטער פליגערס, גרייט פארן קאמף.

אבער ס'האט זיך געמאכט א פראבלעם.

ווי לאכעדיג (טרויעריג) ס'הערט זיך האבן די נאציס ימ"ש זיך געהאלטן פאר בעסערע מענטשן... ס'האט זיי נישט געפאסט די גאנצע עסק... "מיר געלונגע מענטשן וועלן זיך אריינלאזן אין א קריג מיט די פוילישע? ס'פאסט נישט אז מיר די בעסערע מענטשן (היינט ווייסט מען שוין צו ווער זיי זענען באמת געווען) זאלן סתם אזוי אריינגיין אין א פרעמדע לאנד אויס'הרג'נען מענטשן".

דער רשע ימ"ש האט געזען אז די המון עם דייטשן ימ"ש וועלן נישט צולאזן אז זייערע פאמיליע און שכנים זאלן געשיקט ווערן צום פראנט זיך שלאגן קעגן פוילן, ווייל פאר רוב עולם אינטערעסירט נישט זיך אריינצולאזן אין א קריג מיט פוילן. ווי אויך האבן זיי געדארפט האבן עפעס א שטיקל תירוץ פאר די וועלט פארוואס זיי האבן זיך אריינגעריסן אין פוילן, ס'האט דאך נישט געפאסט אז די וועלט וועט שמועסן אז די 'בעסערע' דייטשן הרג'נען מענטשן אין פוילן סתם פאר די רציחה.

זענען די גרויסע נאצישע קעפ ימ"ש געזעצן און פרובירט אויפקומען מיט א וועג ווי אזוי צו פאראויסגיין מיט די אינוואזיע אויף פוילן, און זיי האבן באשלאסן צו שפילן רחמנות... קאזאק הנגזל בלע"ז.

די רשעים ימ"ש האבן אויפגעהויבן א ווי געשריי "געוואלד, די פוילישע בירגער דיסקרימינירן אקעגן דייטשן וואס וואוינען אין פוילן". זיי האבן אנגעהויבן פיטערן די מאסן מיט פאלשע מעשיות וואס די דייטשן גייען אלץ אדורך אין פוילן. ווי אויך האבן די דייטשן (וואס זענען ליידער געווען מומחים אין פראפעגאנדע) פארשפרייט א שמועה צווישן די בירגער אז פוילן פלאנט גאר צו אינוואדירן דייטשלאנד.

די טאקטיק האט צוביסלעך אנגעהויבן ארבעטן, די דייטשע בירגער האבן אנגעהויבן ציטערן פון די פוילישע, אבער ס'איז נאכנישט געווען גענוג. דער רשע ימ"ש האט געוואלט אינוואדירן פוילן, אבער ס'האט נאך געפעלט עפעס א גוטע שטופ וואס זאל אים ערלויבן דאס צו טון, און ווען זיי האבן געזען אז זיי האבן נישט די לעצטע גוטע סיבה צו אינוואדירן פוילן, האבן די נאציס ימ"ש באשלאסן אליינס צו פאבריצירן א גוטע תירוץ צו בארעכטיגן זייער אינוואזיע, סיי פאר די דייטשן און סיי אנצושטעלן א שיינע (מיאוס'ע) פנים פאר די וועלט.

און דאס איז וואס זיי האבן געטון.

אויף די נאכט פון ט"ו אלול תרצ"ט זענען געגאנגען א גרופע העכסט געשולטע נאצישע סאלדאטן פון די טרויעריג בארימטע 'עס עס', זיי האבן זיך פארשטעלט ווי פוילישע סאלדאטן, און זיי זענען געפארן צו א קליין שטעטל מיטן נאמען 'גלייוויץ' וואס איז געשטאנען הארט ביים גרעניץ מיט פוילן (היינט א טייל פון פוילן). זיי האבן זיך שטילערהייט אריינגעשארט אין שטאט און צוגעקומען צו די ראדיא סטאנציע פונעם געגנט (זע בילד), די סטאנציע וואס פלעגט פיטערן די נייעס פונעם גרעניץ פאר גאנץ דייטשלאנד.

די פארשטעלטע נאצים האבן זיך דאן אריינגעבראכן אינעם ראדיא סטאנציע, זיי האבן אנגעזייעט א פאניק אינעם גאנצן בנין. דאן האבן זיי זיך אריינגערוקט אינעם הויפט צימער פון ווי די נייעס איז געלופטערט געווארן. איינער האט געכאפט דעם מייקראפאון און אריין געזאגט אין פויליש, "מיר זענען פוילישע סאלדאטן און מיר האבן פארכאפט די שטעטל גלייוויץ". דאן האבן זיי געלאזט הערן אויף די ראדיא ווי כאילו ס'טוט זיך שיסערייען. זיי האבן גענומען עטליכע ארעסטאנטן און זיי אנגעטון מיט פוילישע מונדירן און זיי אומגעברענגט אויפן פלאץ, און איבערגעלאזט דארט ווי כאילו דאס זענען פוילישע סאלדאטן וואס זענען 'אומגעקומען' אין די שלאכט. די פארשטעלטע נאצים האבן דאן אפגעיאגט ווי שנעלער. מיט עטליכע מינוט שפעטער זענען ארויפגעקומען אויף די ראדיא עטליכע אפיציעלע שטימעס און געלאזט מעלדן פאר די מיליאנען דייטשן וואס האבן צוגעהערט מיט אנגסט, אז די פוילישע מיליטער האט זיך איינגעבראכן אינעם געגנט, און ס'איז געלונגען פאר די דייטשע פאליציי זיי צו פארטרייבן פון די שטעטל.

די שפיל איז (ליידער) גוט געלונגען, א גאנצע נאכט זענען די דייטשן געזיצן צוגענאגלט צו די ראדיא און נאכאמאל געהערט ווי די נייעס ברענגערס קייען איבער די נייעס פון די שרעקליכע אטאקע אויף גלייוויץ. צוביסלעך איז געווארן איינגעגעסן א פחד אין מיליאנען דייטשן אז 'די פוילישע האבן אונז אינוואדירט'. אין די צופרי שעות איז דער רשע ימ"ש ארויפגעקומען אויף די ראדיא און געמאלדן פאר די מיליאנען צוהערער אז "מיר לאזן זיך נישט פון די פוילישע, נאר מיר האבן זיך אנגעהויבן צוריק שלאגן מיט זיי".

און טאקע אין יענע צופרי האבן די נאצים ימ"ש אינוואדירט פוילן, מיט זייער בליצקריג סטראטעגיע האבן זיי אין געציילטע טעג צע'מזיק'ט די פוילישע ארמיי. און מיט זיבן טעג שפעטער זענען זיי שוין געווען אין די פוילישע הויפשטאט ווארשע, און געצווינגען די פארבליבענע פוילישע פירער צו קאפיטולירן.

יא, די סומאטוכע מיט די פארשטעלטע נאצים האט זיך פיין אויסגעארבעט, מיט עטליכע פארשטעלטע סאלדאטן האבן זיי אנגעהויבן די צווייטע וועלט קריג.

**געוואלד!!! שקצים! נאצים!**

איין מינוט, וואס? ווער שרייט דא נאצי? קיינער איז דאך נישטא. איך בין נישט ביי א הפגנה אין מדינת ישראל, איך בין דאך דא ביי מיר אין אפיס. ווער שרייט דא נאצי? ס'איז שוין 2025, וואו איז נאך דא נאצים אויף דער וועלט?

יא איך האב געטראפן א נאצי דא ביי מיר אין אפיס, און נישט נאר אין אפיס, שוין צופרי א סעקונדע נאכן אויפשטיין איז מיין יצר הרע נאצי מיר געקומען איינמעלדן אז פאר איך דארף גיין אין שול דאווענען דארף מען קודם ארייגלויפן אין אפיס מאכן געלט, דער נאצי האט געהאט א תירוץ, 'אז דו וועסט מאכן געלט וועסט נאכדעם דאווענען אסאך בעסער'. איך האב מיך גוט אויסגעלאכט פון אים. איך קען דעם צופרי נאצי שוין א לאנגע צייט. נאכדעם האב איך א יצר הרע נאצי פון ביינאכט, " מעה, לאז דיך אפ פון מעריב, ביזט דאך אזוי מיד, וועסט שוין דאווענען מעריב מארגן'. דאס איז דער געוועגליכע יצר הרע נאצי.

אבער לעצטנס האב איך געזען אז דער יצר הרע נאצי איז ממש אזוי ווי די נאצים פון אמאל. ער האט זיך אנגעהויבן פארשטעלן... ער קומט צו מיר אין אפיס ווען עס קומט איינס אזייגער, דער פארשטעלטער נאצי קומט מיט אן איידלקייט, 'וואס דו גייסט אזוי דאווענען מנחה? דו גייסט כאפן די ערשטע מנין מנחה אין געגנט? נעה ס'פאסט נישט, צו מנחה דארף מען זיך געהעריג צוגרייטן (עפ"ל).' איך וועט דער זעלבער פארשטעלטער נאצי קומען מיט די גרעסטע מאס העפליכקייט, 'ווען די גייסט אין באנק איז נישט מענטשליך אז דו זאגסט נישט העלא פאר די טעללער, ס'פאסט נישט, ס'ברענגט אנטיסעמיטיזם וכו'.

דאנערשטאג נאכט קומט ער אויך אזוי פארשטעלטערהייט, 'וואס, דו קענסט דאך אין די צייט פונעם שיעור לערנען אזויפיל? לאז אפ, וועסט שוין גיין צום שיעור נעקסטע וואך'.

דער פארשטעלטער יצר הרע נאצי איז אסאך שווערער איבערצוקומען, אזוי ווי דער הייליגער רבי שרייבט אין ליקוטי מוהר"ן סימן א' די גאנצע מעשה מיט דעם ווייסן יצר הרע.

אויך איז פארהאן אזא יצר הרע נאצי, וואס וועט צוקומען און דיר זאגן: 'ביסט א בעיבי? קענסט נישט אליין זיך מסדר זיין? ביסט נארמאל? דו פרעגסט פונעם ראש ישיבה יעדע שאלה? 'איך גיי נישט צום ראש ישיבה מיט מיין ווייב, כ'האב נישט קיין שלום בית פראבלעמען'.

אבער דאן איז פארהאן די פארשטעלטע יצר הרע נאצי. דער וואס וועט פרובירן צו קומען פון די פארקערטע ריכטונג דיר אוועקצושלעפן פונעם צדיק. און דער יצר הרע איז די ריכטיגע פראבלעם: 'וואס שרייבסטו פארן ראש ישיבה דיינע שאלות? וואס מאכסטו משוגע? "דער ראש ישיבה איז דאך אזוי פארנומען, שטער אים נישט" (ס'קומט מיט אזא בענקעדיגע קול). אדער: "דער ראש ישיבה איז דאך אזוי גרויס און הויך, דו גייסט פרעגן דיינע פריוואטע שאלות פון דיך מיט דיין ווייב, כ'ווייס נישט אויב דער ראש ישיבה וועט דיך פארשטיין?" (מיט א לשון ווי איינער ספיקות'ט זיך).

אבער יצר הרע'לע הער גוט צו: אמאל פלעג איך דיר רופן יצר הרע, אבער היינט רוף איך דיר יצר הרע'לע, ווייל איך האב געטראפן א גרויסע רבי וואס איז סאך גרעסער און שטערקער פון דיר, און קעגן אים ביסטו נישט מער ווי א קליינע נישטיגע יצר הרע'לע.

מיין רבי לערנט מיך אויס ווי אזוי זיך צו היטן פון דיר סיי ווען דו האסט דיין געוועגטליכע נאצישע פרצוף, און סיי ווען דו קומסט אזוי פארשטעלטערהייט.

איך ליין יעדע וואך עצתו אמונה און דארט ווערט אויסגערעכנט אלע דיינע טאקטיקן, און שטיקן, און דארט ווערט אויך אויסגערעכנט וואס מען דארף טון מיט דיר ווען מען פאקט דיר ביי די פארשטעלטע מעשיות. ווי אויך הער איך יעדן טאג א שיעור פון רבינ'ס דיבורים, און פון דארט האב איך מיך אויסגעלערנט צו דערשנאפן דיינע פארשטעלטע זאכן.

איך וועל מיך לערנען פון גלייוויץ און זיך נישט לאזן פארפירן פון די פארשטעלטע נאצים!

איך וויל מיך נישט לאזן פון די נאצים סיי די געהעריגע און סיי די פארשטעלטע. און אזוי ווי די צדיקים פון דעמאלט וועל איך פרובירן צו ראטעווען וואס מער אידן פון אדורכגיין דעם האלאקאוסט, און מפרסם זיין פאר אלעמען אז ס'איז דא היינטיגע צדיקים וואס קענען אונז העלפן אדורכגיין געשמאק דעם גאנצן לעבן.

# הרחבת גבולי הקדושה ביים
# בית המדרש



פריידיגע נייעס קומט אריין מיטן נייעם עקסטענשן וואס מען הייבט יעצט אן בויען ביים צענטראלן שול אין שטעטל אויף די האשקי גאס.

די קליין ברסלב'ע שטעטל האט זיך געגרינדעט זומער תשע"ט, א קנאפע פינף אהאלב יאר צוריק, מיט קארגע צען משפחות וואס האבן זיך ארויסגעצויגן מיט דעם איינעם ציל צו לעבן א שטיל באשיידן לעבן מיטן אייבערשטן ארומגענומען מיט גראז און ביימער.

דעמאלט האט נישט אויסגעפעלט קיין גרויסן בית המדרש, מ'האט זיך באניצט מיטן בעיסמענט פונעם מנהל מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א. שפעטער ווען מ'האט געבויעט דעם ראש ישיבה'ס הויז, האט דער ראש ישיבה געגעבן זיין גרויסן בעיסמענט (וואס איז נאך אזוי ביז יעצט) פארן באניץ פונעם בית המדרש, און אזוי אויך פארן באניץ פונעם הערליכן כולל היכל הקודש וואס איז שפעטער צוגעקומען.

ס'האט נישט גענומען לאנג און נאך און נאך משפחות האבן זיך אהערגעצויגן, וועלנדיג לעבן די סארט לעבן מיטן רבינ'ס עצות, און אזוי מחנך זיין די קינדער און די שטוב. וואס דאס האט צוגעברענגט אז די בית המדרש זאל זיך שפירן אויסגעוואקסן.

אזוי אויך איז דאס ברוך השם געווארן א סענטער ווי אידן וואס זענען אויף די בערג, קומען אריין צו דאווענען שחרית מנחה מעריב, און האבן הנאה צו טרעפן אידן וואס לעבן פרייליך, און נעמען אויף יעדן מיט א שמייכל.

דאס האט צוגעברענגט אז דער ראש ישיבה האט געשפירט פאר וויכטיג אריינצושפרינגען אין דעם פראיעקט און בארגן געלט צו קענען צובויען צום שול.

די פלאן איז אז מ'וועט צובויען פארנט - ארויס צו מזרח זייט - פונעם שול א בעיסמענט מיט א שטאק, די בעיסמענט וועט זיין א גרויסע מקוה, א שמש שטובל, און נאך.

די צווייטע שטאק וועט זיין א גרויסע היכל התורה, וואו מ'וועט זיך קענען אוועקזעצן לערנען מיט געשמאק די שיעורים כסדרן. אזוי אויך וועט עס ווערן באניצט דורכן כולל היכל הקודש וואו אינגעלייט זיצן און לערנען במשך דעם טאג בהתמדה רבה.

מיט תפילה וועט דאס ווערן געבויעט ווי עס דארף צו זיין שנעל און גוט, אזוי אז דאס זאל קענען אריינגיין אין באניץ ווי אמשנעלסטן.

**בורא עולם בקנין השלם זה הבנין!**

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## אייאָדיין אין זאלץ

### שאלה

**אויף די פלעשער זאלץ זעט מען אויפגעשריבן אז מען האט צוגעלייגט "אייאָדיין", וואס איז עס, און פארוואס לייגט מען עס אריין?**

**אהרן ח.**

### ענטפער

אייאדיין איז אן "עלעמענט" פונעם באשעפער'ס בריאה (עלעמענט נומער 53) און ווערט אין רוב לענדער צוגעלייגט צו זאלץ, אין פאל וואס עס ווערט פארקויפט זאלץ אן אייאדיין ווערט געווענליך שטיין צוגעשריבן אז דער זאלץ פארמאגט נישט קיין אייאדיין.

דער אייאדיין עלעמענט איז א נויטיגע מינעראל וואס א מענטש דארף וויכטיג האבן צו זיין געזונט בעזרת השם יתברך, דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אייאדיין פארשידענע וויכטיגע אויפגאבעס, וואס ער טוט בנאמנות אינעם קערפער פונעם מענטש צווישן זיי, די מעטאבאליזם סיסטעם וואס טוט קאנטראלירן ענערגיע באנוץ, וואוקס פון קינדער, אזוי אויך טוט עס וויכטיגע זאכן אינעם מח, בפרט אין אינגע קינדער, און נאך.

דער קערפער דארף נישט קיין סאך דערפון, און עס ווערט גערעכנט ווי א "טרעיס מינעראל", וואס מיינט א מינעראל וואס מען דארף האבן זייער ווייניג דערפון, אבער דער ביסל איז וויכטיג, און אויב באקומט מען עס נישט קען עס גורם זיין פארשידענע געזונט פראבלעמען אזוי ווי פראבלעמען מיט'ן טיירויד, און הארמאנען, אנטוויקלונג פון קליינע קינדער, נידעריגע וואוקס, שוואכקייט.

פאר דעם צוועק האט די וועלט געזונטהייט ארגאניזאציע רעקאמענדירט אז רעגירונגען זאלן צולייגן א משהו אייאדיין צו די עסנווארג, און בפרט צו זאלץ, וואס איז א ביליגע מאכל, און דורכדעם געבן די געלעגנהייט אז וואס א גרעסערע באפעלקערונג זאל האבן צוטריט דערצו.

דאס דערמאנט אונז א בריוו אין וואס איינער פרעגט מוהרא"ש זי"ע איבער עין הרע, ווי מיר קענען עדות זאגן איז דא א גרויסע מארקעט אין די אידישע גאס איבער אפשפרעכן עין הרע, און דער איד וואס האט נעבעך נישט געהאט קיין לחם לאכול, פרעגט מוהרא"ש זי"ע וואס ער קען טון, אוועק צו נעמען די עין הרע וואס האט אים באטראפן. מוהרא"ש זי"ע ענטפערט מיט גרויס חכמה אין שו"ת ברסלב אז ער זאל נעמען אביסל זאלץ און אויסגיסן נעבן די טיר, לייגן די הענט אויף די מזוזה און ערליך מתפלל זיין צום באשעפער אז די עין הרע זאל נישט שולט זיין אויף זיין הויז געזונט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל גערעדט דערפון האט ער געזאגט אז מען קען זאגן פשט דערין, אז מוהרא"ש האט אים באמת געוואלט זאגן בלויז אז ער זאל מתפלל זיין, וואס דאס איז די בעסטע סגולה קעגן עין הרע, אזוי ווי מיר טוען יעדן טאג ביים דאווענען, מיר בעטן דעם אייבערשטן "שתצילינו היום ובכל יום... מעין הרע...", אבער אין די היינטיגע וועלט איז עס שווער צו זאגן פאר א מענטש, מענטשן ווילן "פילן" ווי זיי "טוען עפעס", און ביז ווילאנג מען טוט נישט בלייבט דער עין הרע אין קאפ, און עס לאזט נישט דעם מענטש מנוחה, עס נעמט אוועק זייער שמחה, זייער מחשבה, און דערפאר - קען זיין - האט מוהרא"ש אים געהייסן נעמען דער ביליגסטער סובסטאנץ וואס מען קען טרעפן אין הויז, כדי צו באפרידיגן זיין געברויך פון "טון עפעס"... און דערנאך וועט ער מתפלל זיין, וואס דאס איז דער בעסטער און ווירקזאמסטער סגולה קעגן אלע מחלות און חלאים.

**תפילה עושה מחצה - תפילה העלפט!**

## היכל הקודש
# נייעס



קרית יואל

## סיום הש"ס אויפ'ן טראק - מו"ה ישראל יעקב קרויס הי"ו

"וואס וועט וואקסן פון דיר, א טראק דרייווער?", אזוי געדענק איך מיין מלמד אין כתה ו' זיך צומאל צושרייען אויף א אינגל, אין מיין דמיון אין כתה ו' איז א "טראק דרייווער" געווען עפעס א פראסטע בריה, איינער וואס קען נישט קיין צורת אות, און איז דערביישפיל פון א דורכפאל פון א מענטש, וואס עס וואקסט אויס אויב מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין.

מיין גאנצער בנין איז פולקאם צוטראסקעט געווארן פארגאנגעם שבת קודש ווען א איד וואס זיצט א גאנצן טאג מיט א בלויע העמד און דרייווט א טראק האט זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, א זאך וואס פילע אידן וואס טראגן א ווייסע געביגלטע העמד האבן נישט זוכה געווען דערצו.

דער טראק פון דעם בילד פון אויבן האט קרן הדפסה היכל הקודש דערוויילן נאך נישט איינגעקויפט. קרן הדפסה היכל הקודש האט אבער יא דעליווערט א טראק דרייווער זאל ענדיגן ש"ס. די רעדע דא איז פון מו"ה ישראל יעקב קרויס הי"ו, א חשובער מתפלל אין בית המדרש היכל הקודש אויף פרעמישלאן אין קרית יואל, וואס האט אנדערש פון זיינע קאלעגעס וואס זענען עוסק אין די צייט אין "גאר וויכטיגע זאכן", ער מוז וויסן די "סטעטוס" פון אלע זיינע "חברים", און "מוז" וויסן וויפיל פארוואונדעטע עס איז געווען פונעם עקסידענט היינט אינדערפרי, האט ער מיטגענומען אינעם טראק אנדערע חברים, ער האט זיך באפריינדעט מיט אביי ורבא, מיט זיי האט ער פארברענגט ווען ער איז געזעצן אין טרעפיק, און געזאגט זייערע הייליגע ווערטער ווען ער האט נאר געקענט.

דער בעל שמחה מו"ה ישראל יעקב הי"ו פארציילט ווי ער האט אנגעהויבן צו לערנען ש"ס מיט צוויי יאר צוריק, און כאטש ער האט געהאט א לענגערע תקופה פון עטליכע חדשים ווי ער האט נישט געקענט לערנען אזוי סאך, צוליב דעם וואס ער האט זיך געלערנט צו ווערן א הצלה מעמבער און טון חסד מיט אידישע קינדער, און די קלאסן האבן אוועקגענומען פילע שעות פון זיין טאג, האט ער זיך אבער גלייך דערנאך צוריק גענומען דערצו, און יעצט ווען ער האלט צוויי יאר שפעטער איז ער זוכה צו ענדיגן ש"ס.

פאריגע וואך שבת קודש איז פארגעקומען דער גרויסער סיום הש"ס ברבים אין בית המדרש היכל הקודש קרית יואל, אויף די פרעמישלאן גאס. דער גבאי הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א האט אויפגעטרעטן און ארויסגעברענגט די גרויסע שמחה וואס אלע מתפללים פרייען זיך מיט, און האט אים געווינטשן אז עס זאל זיין א "קשר של קיימא", ער זאל אייביג בלייבן צוגעבינדן צו די הייליגע תורה. און געדערט פון דעם אז מיר אלע קענען זיך אפלערנען דערפון, דאס איז א זאך וואס מיר אלע קענען נאכמאכן, אויב מיר זאלן זיך נאר מכניע זיין פאר'ן הייליגן רבי'ן און אננעמען בפשיטות זיינע הייליגע ווערטער, וועלן מיר אנקומען זייער ווייט.





# גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן רֶבִּי נָתָן זי"ע!

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, צוֹם עַשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

הַיינְט גֶעפַאלְט דֶער יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אוּנְז יֶעדֶעס יָאר בַּיי דִי יָארְצַייט מְעוֹרֵר זַיין אַז מִיר זָאלְן זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת". מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר "שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ" הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דִי וֶועלְט זָאגְט אַז דֶער סֵפֶר אִיז אַ 'כָּל בּוֹ', וַוייל עֶס עֶנְטְהַאלְט חוֹמֶר פוּן אַלֶע עִנְיָנִים - הֲלָכָה, מוּסָר, קַבָּלָה, וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער מַיין סֵפֶר לִקוּטֵי הֲלָכוֹת אִיז דֶער 'גַן עֵדֶן' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר "לִקוּטֵי הֲלָכוֹת" וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְחוּזָק, אַז גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אִים צֶעבְּרֶעכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן הִתְחַזְקוּת מִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים מִבַּיִת וּמִחוּץ - הָאט עֶר גֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּקוּפָה פוּן דְרַייסִיג חֳדָשִׁים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן מְסַיֵּים גֶעוֶוען יֶעדְן חוֹדֶשׁ דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פוּן דֶעם הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם תַּמְצִית אוּן גֶעשְׁרִיבְּן דִי הֵיילִיגֶע בְּרִיוו פוּנֶעם סֵפֶר 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם: "מַיינֶע בְּרִיוְון אוּן סְפָרִים אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס"; וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִינֶעם סֵפֶר: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס אִיז דֶער תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס וֶוערְטֶער. דָאס וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג אַלֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן; דָאס וֶועט דִיר שְׁלֶעפְּן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ הֲלָכָה וְכוּ' אוּן עֶס וֶועט דִיר דֶערְמַאנֶען אוּן אוֹיפְוֶועקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "**כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ**", וֶוער עֶס אִיז מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת; עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר וָואס מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט יֶעדֶע רֶגַע, בָּחוּרִים גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן וֶועג אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי וִוילְן שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיס הֶערְן, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט צוּ זֵיי אַ שְׁפְּרַאךְ, דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק. דֶערְפַאר מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט הֲפָצָה אוּן מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען רַאטֶעוֶועןדִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן אַ "בֵּית הַדְפוּס" אִין יְשִׁיבָה וואוּ מֶען דְרוּקְט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אַ גַאנְצְן טָאג אָן אַ אוֹיפְהֶער; וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין "בֵּית הַדְפוּס" הָאט עֶר גֶעהַאט אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "רֶבִּי נָתָן וָואלְט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט אַזַא 'בֵּית הדפוס'"; אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה אִין יְשִׁיבָה אָדֶער אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה וְכַדוֹמֶה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַנְטֵייל גֶענוּמֶען הָאט עֶר נָאר גֶעוָואלְט זֶען דֶעם "בֵּית הַדְפוּס"; דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שְׁ'ס גַאנְצֶע חַיוּת: דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים פַאר אַלֶעמֶען!

אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן תַּלְמִידִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע וֶועזְן זָאל זַיין אַרוּם צוּ גֵיין מִיט אֵיין מַחֲשָׁבָה: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין שָׁכֵן זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען?' יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דַיין טָאג מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה: 'וָואס קֶען אִיךְ 'הַיינְט' טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד?' טְרָאג שְׁטֶענְדִיג מִיט דִיר סְפָרִים, סִידּוּ'ס, קַארְטְלֶעךְ, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וְכַדוֹמֶה אַז וֶוען דוּ טְרֶעפְסְט אַ צְוֵוייטְן אִיד זָאלְסְטוּ אִים קֶענֶען מְחַיֶּה זַיין.

הַיינְט צוּ טָאגְס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ מֵפִיץ זַיין דִי סְפָרִים, **הַיינְט זֶעט שׁוֹין יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף** - אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע הַצָּלָה פַארְן דוֹר אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ מִיט סְמַארְט-פְאוֹנס אוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת בִּיז זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ מִיט עֲבֵירוֹת בְּפוֹעֵל, אוּן אַלֶע חֲכָמִים שְׁטֵייעֶן מִיט פַארְלֵייגְטֶע הֶענְט אוֹבְדֵי עֵצוֹת, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אוּן נָאר דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר דִי עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן קֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**גרשון קרעמער**




# נייע געדרענג אפצאל איינגעפירט פאר קארס וואס פארן אריין קיין מאנהעטן

נאך לאנגע דעבאטעס, געריכט קלאגעס דורכפעלער און הצלחה איז מוצאי שבת קודש ביי חצות הלילה אריין אין קראפט דער "געדרענג זאנע אפצאל" (גערופן "קאנדזשעסטשן זאון פרייסינג") וואס איז צום ערשטן מאל פארגעשלאגן געווארן דורכן פריערדיגן ניו יארק סיטי מעיאר בלומבערג מיט כמעט צוואנציג יאר צוריק, נאכדעם וואס דיביידן אדמיניסטראציע האט געגעבן דערפאר דעם אנטגילטיגן באשטעטיגונג פאר צוויי יאר צוריק.

ניו יארק גייט דערמיט אין די פיסטריט פון לאנדאן וואס האט איינגעפירט אן ענליכן זאך מיט עטליכע יאר צוריק און האט בשעתו געזען א שטארקע רעדוקציע אין טרעפיק, אבער זייט דעמאלט איז די טרעפיק פולקאם צוריק געקומען און איז נאך אפילו ערגער ווי בעפאר דעם געדרענג שטייער.

מיט'ן יעצטיגן איינפיר וועלן אלע קארס וואס האבן איזי פעס און פארן אריין צו די נידעריגערער גאסן פון מאנהעטן (לאוער מאנהעטן - נאך די זעכציגסטע סטריט) דורכאויס די פארנומענע שעות (א גאנצע וואך צווישן פינף פארטאגס ביז ניין ביינאכט, אדער ניין אינדערפרי און ניין ביינאכט מוצאי שבת און זונטאג). די וואס פארמאגן נישט איזי פעס וועלן באקומען א ביל אויף די פאסט פון דרייצן א האלב דאלער.

מען וועט קענען אויסמיידן דעם שטייער אויב האלט מען זיך אויף די עף די אר דרייוו, וועסט סטריט, וועסט סייד הייוועי אדער די הו על קערי פארבינדונגען צום וועסט. לויטן פלאן וועט זיך די פרייז הייבן צו צוועלף דאלער אין דריי יאר ארום, און צו פופצן דאלער אין זעקס יאר ארום.

דורכאויס די נישט פארנומענע צייטן (צווישן ניין ביינאכט און פינף פארטאגס במשך די וואך, און צווישן ניין ביינאכט און ניין אינדערפרי מוצאי שבת קודש) וועט דער אפצאל זיין $2.25 פאר איזי פעס באנוצער און $3.30 פאר די אלגעמיינע קארס, וואס וועט אויך ארויפגיין צוביסלעך אין די קומענדיגע יארן.

אויב איינער פארט אריין אינעם זאנע מער פון איין מאל אינעם זעלבן מעת לעת (גערעכנט לויט די גוי'אשע טאג - פון צוועלף חצות הלילה ביז קומענדיגן חצות) וועט מען נישט דארפן צאלן צוויי מאל דעם טאל, און מען וועט אפקומען מיט'ן ערשטן מאל, אפילו אויב די צווייטע מאל פארט מען אריין אין די פארנומענע שעות.

עס זענען דא נאך פארשידענע רעגולאציעס און חילוקים וואס קענען אויסמאכן וויפיל מען באצאלט, צום ביישפיל עס וועלן זיין עפעס הנחות אויב מען פארט אריין דורכן לינקאלן טונעל דורכן האללאנד טונעל, און נאך, אזוי אויך וועלן זיין הנחות פאר אובער ליפט און טעקסי דרייווער.

פילע אידישע ארגאניזאציעס וועלן שטארק ליידן דערפון פינאנציעל, צום ביישפיל הצלה וואלונטירן וואס פארן אריין קיין מאנהעטן צו א הצלה רוף, אדער חסד מעמבערס וואס טראגן פאציענטן און משפחה קיין מאנהעטן צו דאקטוירים און שפיטעלער. כאטש וואס פארשידענע עסקנים ארבעטן אויף מהלכים אז מען זאל זיי נישט רעכענען קיין געלט פאר זייער מסירת נפש און חסד, און מיר זענען מתפלל אז דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין דערמיט, זענען מיר זיכער אז סיי וויאזוי עס וועט זיין וועלן אידישע קינדער רחמנים בני רחמנים זיך נישט צוריק האלטן פון טון חסד און העלפן אידישע קינדער אין צייט פון נויט.

מוהרא"ש זי"ע פלעגט אסאך מאל רעדן פון די גרויסע נחת רוח וואס דער אייבערשטער האט פון דעם וואס מיר טוען חסד איינע מיט'ן צווייטן, זאל עס זיין מיט געלט, מיט טרחה, מיט געבן הארץ און אן אויער פאר א צווייטן. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז נאר אין זכות פון די פילע חסדים וואס אידן טוען איינער מיט'ן צווייטן וועט משיח קומען.



# פרעזידענט זשימי קארטער געשטארבן אין עלטער פון הונדערט יאר

מען האלט יעצט איידער מען שווערט איין דעם 47'טע פרעזידענט אין אמעריקע, אבער יעצט איז געשטארבן דעם 39'סטער געוועזענער פרעזידענט דזשימי קארטער.

קארטער - א דעמאקראט האט געדינט אלס פרעזידענט פאר איין טערמין צווישן תשל"ז און תשמ"א, און איז געווען באוויסט מיט עטליכע זאכן וואס האבן פאסירט דורכאויס זיין קאדענץ. אונטער זיין זייגער איז אויסגעארבעט געווארן א שלום אפמאך צווישן מדינת ישראל און עגיפטן. זיין טערמין האט זיך געענדיגט מיט א דורכפאל ווען איראן האט פארכאפט פילע משכונות אינעם אמעריקאנער אמבאסאדע אין טעהראן - איראן, און האט לויט אנאליסטן צוגעפירט צום געווינס פונעם רעפאבליקאנער פרעזידענט ראנאלד רעיגן זאל געווינען דעם אמט אין יאר תשמ"א

אנדערש ווי להבדיל "זקני תורה" (לשון המשנה - קנים ג') וואס "כל זמן שמזקינין, דעתן מתיישבת עליהן", יעדעס ווארט תורה, יעדע דביקות בה' מאכט עס דעם מענטש פאר א קלוגערער מענטש, ווי חז"ל זאגן אז איינע פון די פילע זאכן פון די וואס זענען "עוסק בתורה לשמה" (לשון המשנה - אבות ו') אז "נהנין ממנו עצה ותושיה", מען קען פון זיי נעמען גוטע עצות, עצות וואס העלפן פאקטיש אין לעבן. אבער "זקני עם הארץ" שימלען נעבעך אפ, און ווייס נישט פארוואס זיי זענען אויפגעשטאנען, און פארוואס זיי זענען געגאנגען שלאפן.

די וועלט איז אין גרויס שאק נאכדעם וואס דער "וועלט פירער" איז געשטארבן, נאכדעם וואס קארטער האט אוועקגעגעבן די לעצטע דרייסיג יאר פון זיין לעבן זיכער צו מאכן אז "די וועלט פאלט נישט צוזאם" און איז גוט "קעיר גענומען" פון די וועלט'ס פראבלעמען. "קליימעט טשעינדזש" און די "רעכטן" פון כל צרוע וכל זב זענען געווען על לבו כל ימיו, און יעצט ווען קארטער האט איבערגעלאזט די וועלט פאר אייביג, הערשט א געוואלדיגע שרעק וואס וועט זיין מיט די וועלט, ווער וועט זיך זארגן אז די וועלט זאל קענען ווייטער שטיין...

דער געוועזענער פרעזידענט האט זוכה געווען צו ערפילן זיין לעבנ'ס וואונטש, ווען פאר עטליכע וואכן צוריק האט ער נאך געשטימט פאר'ן דורכגעפאלענעם טיקעט פון פרוי העריס. אבער איז געשטארבן אין גרויס אנטוישונג ווען זי האט נישט געווינען.

מען האט געזען אין די לעצטע יארן פילע גדולי ישראל להבדיל אלף אלפי אלפים וואס האבן זוכה געווען צו אריכת ימים ושנים, זיי האבן אויסגענוצט זייערע טעג מיט דינען דעם אייבערשטן, און אויף די עלטערע יארן האבן זיי געהאט געשמאקע זיסע יארן, ווען זיי האבן אויסגענוצט די צייט מיט לערנען טאג און נאכט, און האבן זיך אוועק געגעבן פאר כלל ישראל, משפיע געווען פון זייער תורה, צי זאל עס זיין אין הלכה, הנהגה, און אזוי ווייטער, און זייערע לעכטיגע תורה איז געבליבן מיט אונז ביז היינט ווען מיר לערנען זייערע ספרים און גייען אין זייערע וועגן, וואס דאס וועט אונז העלפן אנקומען צו אונזער תכלית בזה ובבא.

ער דארף אבער אויך ווערן דערמאנט צום גוטן ווען ער איז געווען דער גוטער שליח צו אפראטעווען דעם הייליגן רבינ'ס ציון אין שטאט אומאן, בשעת די ארטיגע רעגירונג האט געוואלט דארט ארויפציען א הויך שטאקיגע געביידע, און נאכדעם וואס מ'איז געוואויר געווארן דערפון האט מען זיך פארבונדן מיטן פרעזידענט זאל רעדן צו די רוסישע אינסטאנצן זיי זאלן צוריק ציען פון דעם פלאן, וכך הוה. ארום דעם רבינ'ס ציון איז געבויעט געווארן גרויסע בנינים, אבער דעם רבינ'ס ציון איז אפגעראטעוועט געווארן.

אויך האט ער אויפגענומען א דעלעגאציע פון חשובע רבנים וואס האבן געוואלט אויספועלן געוויסע ענינים פארן כלל (זע אין בילד)

# געדאנקען

## די סעיל האט זיך שוין אנגעהויבן!

ווען מ'קומט אריין אין גראסערי, איז דא צוויי סארט מענטשן, איינער קומט קויפן ברויט, מילך, פלייש, קארן-טשיפס, פאטעיטע-טשיפס, טארטילע טשיפס און נאך זאכן וואס די געשעפט איז אויפגעשטעלט ספעציעל פאר דעם.

א צווייטער קומט קויפן א שאוועל פאר די שניי, א לעד פענסל צו קענען טיפער זיך פארטיפן אין די טיפקייט פון די חלוֹת פון די חפצא פון די דערהער פון די "כאפ", אדער גאר א שירעם צו קענען ווארטןביים קארנער ווילאנג דער ברסלב'ער זאגט אפ יעדן חודש נאכאמאל און נאכאמאל ששה סדרי משנה.

דער גראסערי מאן נעמט אויף ביידע מיט א שמייכל, איינער קויפט די זאכן וואס דאס איז דער יסוד פון די געשעפט, אן דעם קען די געשעפט זיך פארמאכן, א צווייטער קויפט זאכן וואס אן דעם איז נאכנישט אויס געשעפט.

אין יעדע חסידות איז דא די "יסוד" פון די חסידות, און נאכדעם די זייטיגע זאכן וואס איז אזוי ווי די סייד דיש.

אזוי ווי ביי נאכטמאל איז דא די טשיקן באדעם, און ביי די זייט די לאטקעס און סוויט פאטעיטע פרייס און ציפעדיגע ברוינע שאַלמי וואס שאקלט זיך ווי פארגליווערטע גאלע.

די טשיקן איז די יסוד פון די נאכטמאל, ס'איבעריגע איז די "סייד".

אין היכל הקודש איז דא די דריי זאכן וואס איז די יסוד, זאגן משניות, שמועסן מיט'ן אייבערשטן, רעדן שיין צו די ווייב און קינדער.

און נאכדעם איז דא די זייטיגע זאכן, נישט מאכן חובות, נישט לעבן פאר יענעם, נישט זיך טענה'ן מיט מענטשן, זיין א געבער, א פארגינער, זיין א ותרן, פארשטיין די צוויי וועגן אין געלט (א. פרנסה, א הויז, א קאר, שכר לימוד, גראסערי, וכדומה, ב. דו מיינסט דו האסט געלט? איך האב סאאאאאאך מער ווי דו! דו ווארטסט אין ליין ביי די פיצא? גולם! איך שיק אים א וואטסעפ אונטער'ן טיש און עס פליט ארויס א גאנצע PIE צו מיין קאר אינדרויסן! און אלע קענען דארט שטיין אין די ליין ווי כעלעמע נאראנים!! איך בין טויגליכער ווי דו! מ'גרויסט זיך אויף מענטשן פארגעסנדיג אז די געלט וואס איך האב איז פון באשעפער, פארוואס איז יענער א גולם פאר'ן ווארטן אין ליין ביי די פיצא?! פארוואס פארגעסן פון



## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

באשעפער?! פארוואס נישט ווארטן אין די פיצא ליין און בעטן באשעפער העלף איך זאל זיך נישט גרויסן אויף מענטשן... קוקן אויף יעדן מיט א לימוד זכות...).

ווען איך בין אנגעקומען אין יאר תשנ"ז צו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, נאכ'ן זיין בערך א יאר צייט א "עכטע" ברסלב'ער, האב איך באקומען איינס פון די שענסטע היכל-הקודש-מתנות אז איך זאל נישט נוצן ברסלב צו פרעדיגן אז נאר דא איז די אמת און אנדערע זענען שוואכער. אדרבה, מוהרא"ש האט אונז געלערנט וואס איז די "אמת"? אמת איז ראשי תיבות "אהי-ה מת", איין טאג גייט מען ארויס פון די פאלשע אנגעשטעלטע וועלט, וואו דער אייבערשטער איז באהאלטן און פארשטעלט, און די אפענע זאך איז תאוות און געלט, און ווער ס'איז א לץ איז א העלד. און מ'גייט צו א עכטע פלאץ, וואס א קליינע מצוה האט דארט נישט קיין שאץ, און פאר איין קוש די מזוזה טראגט מען דיך אויף א גאלדענעם טאץ, און מ'ברענגט דיין צוקנייטשטע משניות יעדע זאץ, און נעבן רבי שמעון בר יוחאי איז דיין פלאץ!

"אמת", האט מוהרא"ש געזאגט איז קוקן אויף זיך, אנשטאט אראפקלאפן א צווייטן, הייב זיך אויף, יעדע קליינע מצוה, מאכט דיך גרעסער און העכער, יעדע קליינע מצוה מאכט דיך נענטער צום אייבערשטן.

> פאר איין קוש די מזוזה טראגט מען דיך אויף א גאלדענעם טאץ, מ'ברענגט דיין צוקנייטשטע משניות יעדע זאץ, און נעבן רבי שמעון בר יוחאי איז דיין פלאץ!

במילא, האט מוהרא"ש מסביר געווען, קומט אויס אז אלע צדיקים וואס ברענגען צום אייבערשטן, דאס איז די "אמת", און אלע וואס פאלגן סיי וועלכע צדיק וואס ברענגט זיינע מענטשן צום אייבערשטן, זענען ביים אמת.

די וועג פון מוהרא"ש זי"ע האט מיר זייער אסאך געהאלפן לגבי אויסהערן און לערנען די תורות פון רבינו הקדוש מ'סאטמאר הנוגע לימי השובבי"ם.

ווייל דא און דארט טרעפט מען אמאל א לץ, אנגעטון ווי א וואוילער אומשולדיגער, און ער מאכט נעבעך א וויץ אויף א צדיק, אדער אויף די רייד פון א צדיק וואס ווייזט בדמעות שליש און בעט זיך אזוי הארציג אז יעצט איז די צייט וואס איז געשטעלט צו פאררעכטן ענינים וואס שטייט דערויף אין שולחן ערוך אז דאס איז הארבער פון אלע עבירות אין די תורה, און ס'קומט א יונגאטש און מאכט א ווערטל אויף דעם, האט מיר זייער געהאלפן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אז וואס א צדיק זאגט, אזוי איז עס, און אז דער רבי ווייזט אזוי ביי די שובבי"ם תורה אז יעצט איז א צייט פון תשובה, וועל איך טון וואס איך קען. אנשטאט זיך מייאש זיין און זאגן אז שובבי"ם איז נישט פאר מיר, און חלילה מאכן א ווערטל אויף א צדיק, וועל איך טון וואס איך קען יא, אז ס'שטייט אין ליקוטי מוהר"ן (סימן ע"ג) אז תהלים איז מסוגל לתשובה וועל איך זאגן תהלים, און עס וועט בודאי מקוים ווערן די הבטחה וואס דער רבי זאגט צו אז "על ידי תהלים זוכין לתשובה", ווער עס זאגט תהלים וועט זוכה זיין צו תשובה.

אין די גרויסע געשעפטן איז איינגעפירט אז מ'מאכט פון צייט צו צייט א גרויסן סעיל, אויך מאכט מען אמאל א PRE-SALE, אז ווער עס קומט עטליכע טעג פאר די גרויסע סעיל, וועט באקומען 40 פערצענט ביליגער, אנשטאט די רעגולער 20 פערצענט ביליגער ווי די אלגעמיינע סעיל.

דער ראש ישיבה שליט"א נוצט אלץ די משל פון א סעיל, אויב מען דארף כך וכך פרקים משניות צו אויסמעקן עבירה פלוני וואס מ'האט געטון רחמנא ליצלן, קען מען עס אום שובבי"ם אויסמעקן אביסל גרינגער.

און דאס ווייסן דאך אלע אז רבינו הקדוש מ'סאטמאר פלעגט שוין ביי שלש סעודות פון פרשת ויחי מעורר זיין אויף תיקון המעשים וואס איז נוגע לימי השובבי"ם.

איך וועל זיך אנכאפן אין די סאטמארע מנהג פון אנהייבן די שובבי"ם עטליכע טעג פריער, און איך וועל בעזר השם טון די ברסלב'ע סגולה אז תהלים ברענגט צו תשובה.



# מעשיות פון תפילה


אלחנן זויבערמאן

צפת


1. כ'האב געדארפט א היטש, און קיינער איז דארט נישט אריבערגעפארן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א היטש, שכח אייבערשטער אז א קאר איז אריבערגעפארן און מיך גענומען.

2. כ'בין געפארן קיין יבנאל דאווענען שחרית ביי ר' יצחק שליט"א. אנקומענדיג האב איך געזען ווי מ'גייט שוין אט אט אנהייבן און איך האלט נאך פארן מקוה.

כ'האב איינעם געפרעגט וואו ס'איז דא אין געגענט א מקוה, ער האט מסביר געווען נישט גענוג קלאר, כ'האב עס געזוכט און נישט געטראפן. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס טרעפן. שכח אייבערשטער איך האב געטראפן.

3. אויפן וועג אהיים פון יבנאל האב איך געוואלט קויפן א נייע ציצית, אבער איך האב מיך דערמאנט ממש ביים ארויספארן פון שטעטל. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך קענען קויפן. און פלוצלונג זע איך א סיין 'תשמישי קדושה' ממש כמעט אינדרויסן פון שטאט.

4. כ'האב עפעס געדארפט שיקן מיטן פאסט, ווער ס'ווייסט, ישראל פאסט איז איינע פון די ערגסטע קאמפאניס אין ארץ ישראל מיט זייער סערוויס, מ'קען זיצן 2 שעה נאר כדי צו שיקן א פעקל...

כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל זיין שנעל. שכח אייבערשטער איך קום אריין זע איך מיך דארט אליין, און ווי איך נעם ארויס א נומער האט מען עס שוין אויסגערופן...

5. כ'בין געווען א שבת אין בני ברק, איך האב געוואלט כאפן א היטש צום בית המדרש, קיינער האט זיך נישט אפגעשטעלט. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איינער זאל מיך נעמען ביזן טיר פון שול. און פלוצלונג שטעלט זיך אפ אונזער חבר מו"ה אלי לב הי"ו פון טבריה' וואס איז אויך געקומען קיין בני ברק אויף שבת, ער האט מיר גענומען ביזן טיר פון בית המדרש...

מיר ווילן לאזן וויסן אז די כלים מקוה אין שטעטל
איז שוין פולקאם אפן און גרייט פאר אייך 24 שעה

# ואלו יעמדו על הברכה

יישר כח פאר אלע וואס זענען געשטאנען צו די רעכטע
האנט אז די פראיעקט זאל ערמעגליכט ווערן דער
אייבערשטער זאל אייך באצאלאן מיט אלע ברכות!

## שלמה יאקאבאוויטש

וואס האט אנגעפירט די גאנצע
קאנסטראקשן שלא על מנת לקבל פרס

## אברהם שבתי מזרחי

וואס האט געגעבן די קאנקריט
פאר קאסט פרייז

## שמעון אביש

וואס האט געמאכט די גאנצע
עסקעוועישן שלא על מנת לקבל פרס

## שלמה רוטה

וואס האט זייער אסאך ארויס געהאלפן מיט
אלעס וואס האט זיך נאר אויסגעפעלט

# קוק אהער

## הייב אן טראכטן אליין!

**א**יך גיי אויפן דרך, זייט איך בין געבוירן...

איין טאג אויפן דרך אריין אין בארא פארק האב איך זיך אפגעשטעלט דאווענען א מעריב אין שומר שבת.

״די נעקסטע מנין קומט פאר אין בעיסמענט״ רופט איינער אויס הויך. איך וואש מיר די הענט און גראד לויף איך אראפ אונטן כאפן דעם נעקסטן מנין.

נאכן ענדיגן דעם מעריב איידער איך גיי ארויס פון שול, געב איך זיך א דריי אויס און איך זע נישט קיין צווייטער ווי מיין גאר נאנטער יוגנט פריינט.

איך האב אים מן הסתם שוין נישט געזען פאר א גוטע זעקס יאר. ס'איז געווען גאר א ווארימע שלום עליכם ״וואס מאכסט? וואס הערצעך? שוין יאאארן.... פשיהא! און וואו וואוינסטו?״

״אין קרית ברסלב!״

אה דער קליינע שמייכל באווייזט זיך אויף זיין פנים, ״יא, ליבערטי? ברסלב? ראש ישיבה? הממ אהא זייער שיין! האסט עס ליב דארט? יא ביסט זיכער? אההה זייער שיין זייער שיין.״

״וואס נאך? וויזוי גייטעס? ב״ה!״

ענדליך נאך א צוויי מינוט פון זיך איבערקומען די שאק און טראומא אז איך וואוין אין קרית ברסלב האבן מיר יא אנגעהויבן אריינצוגיין אין עפעס א שטיקל שמועס...

די שטעטל איז געווען אויפן טיש, דאס איז געווען די טעמע וואס מ'האט דורכגעטון ״איך הער ממש ענק האבן אלעס דארט? יא?״

״יא! ס'פעלט אונז ב״ה גארנישט אין אונזער שיינע שטעטל!״

״קליידער? עטץ האטס א געשעפט?״

״אוודאי! ביי אונז אין באזאר קאסטן קליידער צווישן איינס און פינף דאלאר! זיך איינרישן פאר די גאנצע משפחה א פולע סעזאן קען אנקומען ברייטערהייט צו א גאנצע פופציגער!״

״אהא יא אבער סעקענד הענד, ניין? און זאכן וואס איז שוין נישט אין סיזען. נאכאמאל, איך הער... אבער ביי אונז איז מען נארמאל מיר גייען אין געשעפט און קויפן איין נייע זאכן פריש פונעם יעצטיגן סיזען!״

די שמועס ווערט ערגעץ וואו פארדרייט צו אונזערע אלטע זכרונות ״אוי יענער מגיד שיעור... געדענקסט נאך?! גוטע צייטן דעמאלט...״ און שנעל איז אונזער שמועס צוריק צו חתונה מאכן אין ישיבה בחנם.

״ס'איז נישט אז איך הער נישט וואס דו זאגסט, חובות בלא בלא, און אמאליגע צייטן איז אזוי געווען. אבער זיי מיר מוחל, יעצט איז נישט אמאליגע צייטן! אמאליגע צייטן איז נישט געווען קיין לעקטער, דו ווילסט טאקע צוריקגיין צו די אמאליגע צייטן? וואס האקסטו אין קאפ?

״ס'דא א וועג ווי אזוי די וועלט פירט זיך, און אייביג איז דא דער איין חכם וואס פארשטייט בעסער פון יעדן... אויב יעדער איינער פארשטייט אז ווען ס'קומט צו א שמחה מאכט מען עס מיט כבוד, מוזטו נישט זיין קלוגער!״

״מיין טייערער חבר דו ווייסט אז ס'דא אזא זאך אז מחותנים זענען עכט פרייליך ביי א חתונה? יא פלעין פריילך! ווערסט אים נישט זען ארומלויפן ווי א פאר'סמ'טע מייזל אינעם זאל אויפזוכן דעם קעכער פארהאלטן פארוואס ער האט די חוצפה צו סערווירן שניצל אנשטאט טשיקן מארסאלע.

אוי מ'דארף לויפן צו די פיקטשערס פארוואס ענטפערט דער בדחן נישט דעם טעלעפאן? ער קען פארגעסן פון ווערן באצאלט! אויב איך צאל פאר די זינגער וועט ער זינגען ניגונים וואס איך

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**




גלייך! אזוי ממש געהעריג ווי יעדן. ער איז מקיים דעם אל תפרוש מן הציבור מיר אלע חומרות, זיך חלילה נישט אוועקרירן פונעם מעסוירע און ח"ו נישט זיין ווי די איבער חכמים וואס אלעס פארשטייען זיי בעסער..."

"נאאאא ביי אונז אז א מחותן מאכט חתונה, זיצט ער ווי קעניג מיט א שמייכל אויסגעשפרייט פון באק צו באק און אטעמט אריין זיין נחת בשעת'ן זיך אונטערמורמלען טויזנט מאל שכח אייבערשטער!"

"דו ווייסט וואס ענקער פראבלעם איז? באמת, דו ווייסט? איך וועל דיר זאגן ענקער שפיץ פראבלעם, מ'לאזט ענק נישט טראכטן! ס'דא א פולע וועלט אינדרויסן פון דיין קעסטעלע ווי וועלט גייט אן, מענטשן לעבן, מענטשן קומען און גייען. ס'דא מוסדות, משפחות וואקסן און בליען, וואס איז דער קליינקעפיגקייט פון זיין אנדערש פון יעדן?"

"אפשר הייבסטו אן טראכטן אליין?"

"אוי מיין טייערער חבר וואס זאל איך דיר זאגן? ס'טוט מיר ווי אז דו האסט נאכנישט די גליקליכע לעבן וואס איך האב!" (דאס האב איך אים נישט געענטפערט, ווייל דער ראש ישיבה לערנט אויס זיך נישט צו טענה'ן, איך שרייב נאר דא די תירוץ).

"איך טראכט נישט? פיין טראכט איך!"

"איך טראכט איידער איך גיי אריין אין געשעפט צו דארף איך דאס? קויף איך דאס פאר יענעם? קען איך זיך עס ערלויבן? דארף איך טאקע גיין צו די אלע פלעצער ווי יעדער גייט?"

"שוין איינמאל טראכט איך! דו זאגסט מ'לאזט אונז נישט טראכטן? אונזער ראש ישיבה איז דער איינציגסטער וואס בעט זיך ביי אונז יעדן טאג, טראכט! איז ריכטיג וואס איך טו? ער בעט זיך ביי אונז, שטיי נישט ביים שכן'ס פענסטער, מאך אים נישט נאך".

"א כאר ביי א בר מצוה איז נארמאל? שוין איך טראכט דאך נישט וויל איך בין א נארמאלער מענטש! איי פארוואס און פאר וועמען צורייסטו דיין גאנצע לעבן? דו ווייסט אויך נישט. איין זאך קענסטו גוט, דו ווייסט ווי אזוי צו חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל אז ס'דא א וועלט, מ'דארף נישט זיין קלוגער... יעדער טוט...."

"וועלכע וועלט רעדסטו פון? קום אין שול קוק די גאנצע וואנט איז אנגעהאנגען ביז אונטן אין די לענג און אין די ברייט מיט מסיבה של מצוה צעטלעך, דאס הייסט אנגיין? אזוי ווילסטו אויסזען?"

"ביים חתונה מאכן די ערשטע קינד ביסטו נאך א חכם, אבער ביי די צווייטע שטייסטו שוין טריקן אן קיין דאלער אין טאש. און ביים דריטן קינד דרייסטו זיך שוין ארום ווי אן אויסגעלאשענע מת מצוה!"

שוין איך האב נישט געמיינט צו ווערן פערזענליך, איך האב דיר נאר געוואלט עפענען אביסל די אויגן, הלוואי זאלסטו אויך קענען אנהייבן לעבן די עכטע זיסע לעבן!

"יא ס'איז זייער שיין, איך בין זייער צופרידן פאר דיר, פאר דיר איז עס טאקע א גוטע פלאץ... אבער ווייסט דאך ס'דא אסאך דרכים אין עבודת השם און מיר האבן אן אנדערן דרך..."

"קוק אהער מיין טייערער חבר וואס אונזער דרך אין עבודת השם איז דאס קען איך דיך זאגן אויף אויסענווייניג, דאס ערשטע מאכן מיר יעדן טאג א צייט וואס מיר כאפן א שמועס מיטן אייבערשטן - מיר פארציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אויף אונז אריבער. און אויב חלילה פאלן מיר דורך מיט אן עבירה

ער בעט זיך ביי אונז יעדן טאג, טראכט! איז ריכטיג וואס איך טו? ער בעט זיך ביי אונז, שטיי נישט ביים שכן'ס פענסטער, מאך אים נישט נאך".

גייען מיר גראד נאכדעם צוריק צום אייבערשטן מיר טוען תשובה מיר זאגן נישט מעעע איך בין שוין סיי ווי..."

"נאך א זאך וואס איז אונזער דרך אין עבודת השם איז אז מיר רעדן שיין צו די ווייב - מיר טענה'ן נישט מיט א ווייב. אזוי אויך מיר לערנען יעדן טאג

דעם בלאט גמרא. יעדן טאג זענען מיר מעביר סדרה. אויסער דעם האט יעדער איינער זיינע שיעורים כסדרן אויפן סדר דרך הלימוד אין כל התורה כולה!"

"נאך א זאך וואס איז אונזער דרך איז אז מיר בארגן נישט קיין געלט, מיר געבן זיך שטארק אכטונג פון ווערן בעלי חובות."

"איך קען דיר זייער קלאר אויסרעכענען אונזער דרך אין עבודת השם ס'וואלט מיר נאר זייער אינטערעסאנט געווען צו הערן אביסל פון אייער דרך אין עבודת השם... וואס איז דיין דרך וואס איז אזא סתירה צו אונזער דרך?"

"קוק מיר גוט אן" זאגט מיר מיין חבר "אונזער דרך איז צו זאגן אז ס'דא אסאך דרכים אין עבודת השם..."

שכח אייבערשטער אז מיר האבן אזא זיסע קלארע דרך ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן עס הערשט נישט קיין צעמישעניש, מיר זענען נישט דא צו אויפווייזן יענעם אז ער האט נישט קיין ריכטיגן דרך, נאר אדרבה מיר האבן איין ציל צו אויפווייזן יעדן איד אז דער אייבערשטער איז מיט אים, און מ'קען אים בעטן וואס מ'דארף.

שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פון רבי'ן, מיר האבן די שכל, עצות און חיזוק פון רבי'ן! אייבערשטער העלף אז די גאנצע וועלט זאל שוין וויסן פון די אלע זיסע עצות, און אויך זוכה זיין צו די זיסע לעבן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**


דער דאקטער וואס לאזט אייך בלייבן אויפן קאוטש.

איר דארפט נישט גיין, זיך שלעפן,ווארטן און זיך רעגן... נישטא קיין סיבה.
אונז מאכן זיכער אז איר בלייבט באקוועם אינדערהיים. מיר קומען אראפ צו אייך.
Flu? Culture? Covid-test?
אלעס אומזיסט.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10
די דאקטערס אפיס ביי דיך אינדערהיים




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס




מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמשון צבי טייטלבוים הי"ו**
**וזוגתו רבקה חנה תחי'**
**צו די בר מצוה פון משה יוסף נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## Babysiting

Steady babysiting.
Drop off.
Overnight.
S. Rabinowitz

**Call 347-885-4205**

## Egg Boxes

מיר האבן ליידיגע אייער באקסעס אוועקצוגעבן ווען נויטיג.

**Call 347-831-4727**

## Waze Gemach

ווילסט איר פארן ערגעץ און איר דארפט א waze מאשין צו בארגן?

**Call 929-617-0448**

# היכל הלכה

## הלכות טבילת כלים

### יורה דעה סימן ק״כ

**ברוך אתה הוי״ה... שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.**

געלויבט דער אייבערשטער אז מיר האבן באקומען א מתנה א מקוה לכלים, מגלגלין זכות ע״י זכאי, דער שליח איז געווען ר׳ אברהם אלי׳ פרידריך שיחי׳ וואס האט זיך אריינגעלייגט דערין, און ב״ה ער האט עס אהער געשטעלט הערליך שיין ממש א פראכט, ועל כולם מהודר׳דיג, מיט אונזער השגחה, אזוי ווי עס פאסט פאר אזא עיר ואם בישראל קרית ברסלב יצ״ו, עיר שנקרא על שם רבינו ז״ל, בנוי ומיוסד על יסודות של כ״ק מורינו מוהרא״ש זי״ע, ועומד תחת נשיאותו הרמה של כ״ק מורינו הראש ישיבה שליט״א, הוי״ה יאריך ימיו ושנותיו בנעימים.

דבר בעתו מה טוב, לכבוד די מאורע, פון די התחדשות פון די מקוה כלים, וועלן מיר מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף אראפברענגען עטליכע הלכות אין הלכות טבילת כלים.

**הקדמה:** לויט רוב ראשונים איז די מצוה פון ״טבילת כלים״ א מצות עשה מן התורה.[1] און אזוי זעט אויס האלט דער מחבר, אז טבילת כלים איז א דאורייתא.[2]

(מ׳לערנט עס ארויס פון די פרשה פון מלחמת מדין, שטייט דארט אין פסוק (במדבר ל״א כ״ג) כל דבר אשר יבוא באש תעבירו באש ״וטהר״, וטהר איז א איבריגע ווארט, לערנט די גמרא ארויס (עבודה זרה ע״ה) אז מ׳דארף טובל׳ען א כלי וואס קומט פון א גוי, און ס׳קומט אריין אין די רשות פון א איד).

די סיבה פארוואס די תורה זאגט אז מ׳דארף טובל׳ן א כלי כדי ס׳זאל ארויסגיין פון טומאת הגוי און אריינקומען אין ״קדושת ישראל״ (בית יוסף, און טורי זהב סק״א בשם דעם ירושלמי עו״ז פ״ה ה׳ ט״ו).

די ראשונים לייגן צו, ס׳איז דומה צו א גר, וואס ווען ער קומט אריין צו קדושת ישראל, גייט עס דורך טבילה, אזוי אויך ביי א כלי, דורך א טבילה גייט עס אריין לקדושת ישראל.

דער הייליגער חתם סופר זי״ע שרייבט (תורת משה פר׳ צו), אז ס׳איז ממש א סכנה עצומה צו נוצן א כלי פארן טובל׳ן.

ס׳איז ידוע אז צדיקים האבן געזען אויף א כלי אויב מ׳האט עס געטובל׳ט אדער נישט (זעה אין הגהות והערות א מעשה פון הייליגן בעל שם טוב זי״ע וואס מוהרא״ש זי״ע פלעגט צו פארציילן).[4]

פארזוימען א כלי וואס מ׳דארף טובל׳ן, האבן די אחרונים אנגענומען אז ס׳איז נישט קיין איסור,[5] ס׳איז ראטזאם אז מ׳זאל עס נישט לייגן אויפן פלאץ ווי מ׳האלט די געהעריגע געשיר, ווייל ווייזן ווייזט זיך אויס אז משך הזמן פארגעסט מען אז מ׳האט עס נישט געטובל׳ט, און ס׳איז שוין ארויס געקומען מכשולות אז מ׳האט געניצט די כלים אן א טבילה!

**א)** מן התורה דארף מען נאר טובל׳ן א אייזענע כלי, אין אייזן איז נכלל, גאלד, זילבער, קופער, בליי,[6] אבער א כלי וואס איז פון שטיין, ערד, ביין, האלץ, איז פטור פון טבילה.[7]

די הייליגע חכמים האבן מוסיף געווען אז גלאזערנע כלים דארף מען טובל׳ן.[8]

מיר וועלן ברענגען אסאך סארט כלים וואס זענען מחויב אדער פטור צו טובל׳ן.

## הערות

1 ואלו הן: רש״י (מסכת עו״ז עה: צ״ה זוטא) תוס׳ (שם צ״ה מים) ראב״ד רמב״ן רשב״א ריטב״א (עו״ז מראה מקום הנ״ל) אור זרוע (עו״ז סי׳ רפ״ח), ואפי׳ רמב״ם שנקט הלשון, בה׳ מאכלות אסורות (פ׳ י״ז ה׳ ה׳) שטבילה זו מדברי סופרים, כ׳ הערוך השולחן (יו״ד סי׳ ק״כ סעי׳ ד׳) שדרך הרמב״ם לכתוב דברי סופרים, בכל דבר שאינו מפורש מן התורה, וכן ביאור הלחם משנה, שם על אתר.

אלו בתוס׳ רי״ד (עו״ז שם) וכן מצדד רמב״ן עה״ת במדבר (ל״א כ״ג) דאינו אלא מדרבנן, וכן אין להעלים דכן הוי פשטות הלשון ברמב״ם דהוי מדברי סופרים.

2 דכן כ׳ הטורי זהב סקט״ז, סיבת האיסור, למה אין קטן נאמן על טבילת כלים, כיון דהוי דהוי דאורייתא, עיי״ש בפתחי תשובה, בשם פרמ״ג או״ח סי׳ תנ״א, דלכאורה, אף בכלי זכוכית דהוי דרבנן אינו נאמן, כיון דיש לו חזקת איסור.

3 ריטב״א בשם רמב״ן, שו״ת מהר״ח אור זרוע (סי׳ ס״ג)

4 איינמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב זי״ע געווען אין א גאסט הויז, און דער גאסט געבער האט געברענגט גלעזלעך מיט משקה פאר׳ן בעל שם טוב זי״ע און די תלמידים, רופט זיך אן דער בעל שם טוב, אז ער זעט נישט דעם שם הוי״ה אויף די גלעזלעך, דאס הייסט אז מ׳האט עס נישט געטובל׳ט, האט דער בעל שם טוב פאָרגעהאלטן דעם בעה״ב היתכן די כלים זענען נישט געטובל׳ט?! רופט זיך אן דער גאסט געבער, וואס א נפקא מינה, יא געטובל׳ט נישט געטובל׳ט, אבי מ׳טרינקט און מ׳האט הנאה! רופט זיך אן דער הייליגער בעל שם טוב צו די תלמידים: ״לאמיר אוועק גיין פון דא, ער איז א בעל עבירה, ער היט נישט קיין טהרת המשפחה ר״ל, איר הערט וואס ער זאגט, יא געטובל׳ט נישט געטובל׳ט... אבי מ׳האט הנאה!״

5 עמק התשובה ח״ג סי׳ ס״ט, תשובה יפה, מסיק דאין איסור.

6 לשון הפסוק (במדבר ל״א כ״ב) אך את הזהב, ואת הכסף, את הנחושת, את הבדיל, ואת העופרת.

7 בפירוש בלשון רמב״ם ה׳ מאכלות אסורות סי׳ י״ז ה״ו.

8 כ״כ במחב׳ סעי׳ א׳ מקור מגמ׳ עבו״ז עה:



איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

**אלומיניום** Aluminum [די סארט וואס מ'מאכט בעקעלעך דערפון] איז א סארט אייזן איז מחויב. (9)

אן אייזערנע כלי איז מחויב, אפילו ס'איז א פלאכע טאץ, דאס הייסט ס'האט נישט קיין בית קיבול. [10]

**גלאזערנע כלים:** רעכנט אריין:

**קריסטאל;** Crystal

**קורע"ל;**

**דורלקע"ם;**

**פיירקע"ס:** די אלע זענען גלאז און ס'איז מחויב בטבילה.

**פלעסטי"ק:** היות ס'איז א נייע זאך וואס איז נישט געווען בימי חז"ל איז עס פטור פון טבילה! [11]

**סיליקו"ן, גומ"י** זענען נכלל אין פלעסטי"ק, מילא איז עס פטור פון טבילה.

**ראבע"ר** איז א סארט פלעסטי"ק האט עס די זעלבע דין ווי פלעסטי"ק.

**ב) הקדמה קצרה:** פאר היינטיגע געשיר סעט"ס: א.ג. טשיינע סעט"ס,

**פּאָרצעלא"ן**, אפילו ס'זעט אויס ווי ס'איז גלאז, אבער ס'איז נישט, מ'מאכט עס פון ערד, פון זאמד, ממילא וואלט עס באמת נישט געדארפט קיין טבילה, [12] אבער, ס'איז דא א דין, אז טאמער ס'איז גלאזיר"ט, דאס הייסט אז די ערד'ענע כלי איז באדעקט מיט א שיכט גלאז, דעמאלט איז עס יא מחויב בטבילה, [13] ממילא שטייט אין די אחרונים, היות היינטיגע געשיר זענען רוב רובו נישט גלאזירט, נאר מ'מאכט עס מיט אזא שיין, קוי"ט פון אויבן, מיט דעם אלעם איז די מנהג אז מטובל'ט עס. די סיבה פון די מנהג איז וויל ס'איז דא געוויסע סארט וואס איז יא גלאזירט, [14] און ס'איז שווער צו וויסן וועלכע איז יא/נישט גלאזירט, און אסאך מאל דער סוחר וואס פארקויפט די געשיר ווייסט נישט גענוי אויב ס'איז גלאזירט אדער נישט.

פארשטייט זיך מ'זאל עס טובל'ן אן א ברכה (זעה ווייטער די מנהג וועגן א ברכה בכלל).

**ג)** למעשה היינטיגע געשיר אויב איז עס איבערגעדעקט מיט א שיכט גלאז איז עס מחויב בטבילה, אויב נישט איז עס א מנהג צו טובל'ן.

**ד)** אין שולחן ערוך שטייט (סעיף ג') אז ווען מ'טובל'ט זאגט מען די ברכה "על טבילת כלי". אויב ס'איז מער ווי איין כלי זאגט מען "כלים". איינער וואס זאגט א ברכה ביים טובל'ן זאל זיך אזוי פירן, ווייל אזוי האבן רוב פוסקים אנגענומען. [15]

**הלכה למעשה:** הגה"צ גאב"ד קארלסבורג זצוק"ל האט שוין אויסגע'פסק'נט אז היינטיגע צייטן מאכט מען נישט קיין ברכה ביים טובל'ן כלים. [16]

**ה)** אין שולחן ערוך שטייט (סעיף י"ד) אז א קטן - קטנה קען נישט טובל'ן, חוץ אויב א גדול איז דארט צוזאמען מיט'ן קטן און ער זעט ווי אזוי דער קטן טובל'ט. (רמ"א)

**הלכה למעשה:** הגה"צ גאב"ד קארלסבורג זצוק"ל האט שוין אויסגע'פסק'נט אז היינטיגע צייטן קען מען זיך פארלאזן אויף די טבילה דורך א קטן/קטנה. [17]

**מיר וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווייטער ממשיך זיין מיט הלכות טבילת כלים קומענדיגע וואך!**

## הערות

9 שו"ת אגרות משה יו"ד ח"ג סי' כ"ב שו"ת מחזה אליהו ח"ב סי' נ' אות ח', אבער נאר טאמער מ'ניצט עס מער ווי איינמאל.

10 שו"ת שבט הלוי ח"ו סי' רמ"ה, עיי"ש שכ' במתכת פשוט, ומדמה שם זכוכית דהוי ג"כ דינא הכי.

11 חז"א (ארחות רבינו ח"ג עמ' פ"ה) שו"ת חלקת יעקב (יו"ד סי' מ"ה) שו"ת באר משה (ח"ב סי' נ"ג) וכן קיבלתי מרבותי דאין צריך טבילה ויש שהחמירו להטבילם, ואלו הן - מנחת יצחק ח"ג סי' ע"ו ע"ח שו"ת קנין תורה ח"ב סי' פ"ד, וכן שמעתי מהראש ישיבה שליט"א שזקינו הרה"ג מקארלסבורג זצוק"ל נהג לטבול כלי פלעסטיק.

12 כן כ' בפתחי תשובה סק"ב בשם שאילת יעב"ץ (ח"א סי' ס"ז ) - אבל הנה יש הוספה בשו"ע החדשים הוצאת מכון ירושלים, מכת"י ששוב הוסיף היעב"ץ בגליון תשובה הנ"ל וז"ל, שוב הוגד לי משל בית אבא, שאבי מורי היה מצריכן טבילה, וצריכים אנו לחוש לדברי הזקן, ולכן יש לטבול בלי ברכה, או עם כלים החייבין בוודאי עכ"ל.

13 רמ"א סעי' א', בש"ק סק"ב, בלי ברכה, זהו ד' רמ"א, וש"כ כ' וז"ל ונראה דיש להטבילן עם איזה כלי אחר בברכה.

14 הא לך לשון הערוך השולחן (סעי' ס"ט) הנה בימינו אלה בכל המדינות עיקר תשמיש כלי סעודה, קערות גדולות וקטנות, הם משל חרס מלובנים יפה שקורין פורצליין ואין בהם שום מתכות או זכוכית, והעולם נהגו להטבילן... ונראה לי דאולי בימים הקדמונים היו הכלים האלו מצופים בזכוכית דק שקורין גלאזיר"ט, ואלו צריכים טבילה, וראיתי כלים כאלה, ומזה נשתרבב המנהג דכלי פורצליין צריכין טבילה עיי"ש עוד וכ"כ בבן איש חי (ש"ב מטות ס"ז) חוט השני (סק"ד), ומנחת שלמה ח"ב סי ס"ו אות ה' פוטר לגמרי עיי"ש.

15 כ"כ בלבוש, פר"ח בית לחם יהודה קיצור שו"ע סי' ע"ז סעי' א' בשו"ת קנין תורה ח"ה סי' ק"ח:

16 ע"י בשו"ת עמק התשובה תשובה יפה בענין זה - בקיצור נמרץ כ' שם, דהקאמפעני"ס להיום אינו נקרא ע"ש בעלים, והוי כרשות אחר, וכן הוי רוב קאמפעני"ס משועבד להבנק עד כדי כך, שאינו יכול להקדיש דבר בכה"ג וכן פטור תוס' עיי"ש בתרומות ומעשרות בחו"ל משום דהוי משעובד למלך - ודן שם בענין האם יכול להאמין לקטן בטבילת כלים להיום, וזורק שם בתו"צ, דמש"כ אין מברכין להיום דהינו מכל הנ"ל, רואין דהיה דעתו בהדיא דאין מברכין - וכן פסקינן בבית הוראה קארלסבורג - דאין מברכין.

17 ג"כ בתשובה הנ"ל באות הקודם, היות דלהיום נקטינן דהטבילה הוי דרבנן כאמור מש"ה נאמנין, ועי"ש שמצדד דאפי' אי הוי דאורייתא אפשר דסמכנין עיי"ש.



# א מעשה פון א צדיק

## אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ!

צוּם הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶע אָרִימַאן - וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט יְסוּרִים אוּן מִיטְגֶעמַאכְט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן - בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אִיד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בְּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶע שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט אִין דִי זַייט אוּן אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי דַאוֶוענֶען פוּנֶעם רָב.

דֶער הֵיילִיגֶע שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ, אוּן פוּן זַיין הֵיילִיגֶע מוֹיל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ פְלַאם פֵייעֶר: "הָקֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא" דֶער רָב הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן דְבֵיקוּת.

דֶער אִיד זִיצְט דָארְט אוּן הֶערְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אַרוֹיסְקוּמֶען פוּנֶעם מוֹיל פוּן דֶער רָב אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'הָקֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא', מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶער אַ גְרוֹיסֶער, אַ שְׁטַארְקֶער, אַ פָארְכְטִיגֶער אוּן אִיךְ טְרַאכְט נָאךְ אַז אִיךְ הָאבּ צָרוֹת אוּן אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן? נֵיין! עֶס קֶען נִישְׁט זַיין! עֶר אִיז דָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע בַּאשֶׁעפֶער, עֶר טוּט נָאר גוּטְס.

נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט דֶער הֵיילִיגֶע שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע אַיינְגֶעלַאדֶענְט דֶעם אִיד צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף פְרִישְׁטָאג. בִּשְׁעַתְ'ן עֶסְן מִיט דֶעם אִיד הָאט עֶר כִּמְעַט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר בִּשְׁעַתְ'ן בֶּענְטְשְׁן וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער "הוּא נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פֵייעֶרְדִיגֶערְהֵייט מִיט גְרוֹיס דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אַפָּאר מָאל נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין זַיינֶע בֵּיינֶער. בִּיז דֶער אִיד הָאט בַּאקוּמֶען אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין צָרוֹת, עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס, מַיין לֶעבְּן אִיז מְסוּדָר, עֶס פֶעלְט מִיר נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר גֶעבְּט אַלֶעס, אוּן טוּט אַלֶעס, עֶר טוּט נָאר גוּטְס. עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט דָאס אִיז עֶס, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַהֵיים, אִיךְ בְּלַייבּ דָא בַּיים הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



**ציון פון הייליגן שינאווער רב זי"ע אין שינאווא**

דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן בַּיינַאכְט אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וואוּ עֶר אִיז, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים? דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט מֶען אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע וואוּ עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶוענְט.

וֶוען מֶען אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים פְרֶעגְן וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִיר, הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט מִיט דִי גַאנְצֶע תְּמִימוּת "עֶטְס דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע דִי וֶוערְטֶער "הָקֵל הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא" אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער "הוּא נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר" אִיז עֶס אִיז מִיר גוּט, עֶס פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט, אִיךְ פְּלַאן דָא צוּ בְּלַייבְּן!"

זֶענֶען דִי בְּנֵי מִשְׁפָּחָה אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס גֵייט דָא פַאר מִיט דֶעם אִיד, אַז עֶר פְּלַאנְט נִישְׁט אַהֵיימְצוּקוּמֶען, אוּן זֵיי דַארְפְן אַ טַאטֶע אִין שְׁטוּבּ. הָאט דֶער הֵיילִיגֶע שִׁינָאוֶוער רָב אִים אַרַיינְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט גֵיי אַהֵיים, עֶס אִיז גֶענוּג אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען יֶעדְן שַׁבָּת".

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת צִיּוֹן פוּן בָּאבּוּב זי"ע הי"ד הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: דֶער בַּעַל דָבָר אִיז מַסְכִּים עֶס זָאל זַיין זֵייעֶר אַסַאךְ רֶבִּי'ס וָואס זָאלְן קֶענֶען הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם פָּרִיץ וָואס מַאכְט צָרוֹת פַאר אִידְן, אָדֶער פוֹעֵלְן אַ יְשׁוּעָה פַאר אַ קְרַאנְקְן, אָבֶּער אַז עֶס זָאל זַיין אַ רֶבִּי וָואס זָאל מַאכְן אַן אַנְדֶערְן אִיד פַאר אַן עֶרְלִיכְן אִיד עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דָאס קֶען עֶר נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּט מִיט אוּנְז, עֶר מַאכְט אוּנְז טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת. אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן אַ מוֹפֵת פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (וָואס דִי יָארְצַייט אִיז עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת) הָאט עֶר גֶעזָאגְט "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ!"

וֶועגְן דֶעם קֶען דֶער שָׂטָן נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אוּן הָאט אַזוֹי מוֹרָא פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וַוייל עֶר נֶעמְט פָּשׁוּטְע מֶענְטְשְׁן אוּן מַאכְט זֵיי טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית.

**(שיחות מוהרא"ש חלק טז' ערך התקרבות לצדיקים)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



ק"ב

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

נָאךְ סוּכּוֹת, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ אִיד פוּן נֶעמִירוֹב, דֶער זֶעלְבֶּער וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן הָאט דַאן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דָאס קְלַאטְשְׁן בַּיים דַאוֶוענֶען און יֶעצְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מַזְכִּיר זַיין זוּן וָואס אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן מְחִיאַת כַּפַּיִם, פוּן קְלַאטְשְׁן. דֶער אִיד הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דֶעם עוֹל תּוֹרָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט בֵּייגְן אוּן נִתְקָרֵב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן זַיין קִינְד אִיז נָאךְ מֶער שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן.

אַזוֹי וִוי דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען פוּן נֶעמִירוֹב, אוּן הָאט גוּט גֶעקֶענְט רֶבִּי נָתָן, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט. עֶר הָאט אִים אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַ גֶעוִויסְן פָּרִיץ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶער מֶענְטְשׁ און אַ גְרוֹיסֶער עַזּוּת פָּנִים, אוּן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיבּ פָארְט עֶר צוּם רֶבִּי'ן, זָאל עֶר מַזְכִּיר זַיין פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיין קְרַאנְקְן קִינְד.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן דֶעם קְרַאנְקְן קִינְד, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "דָאס קִינְד לֶעבְּט נָאךְ?!". רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז דֶער גְזַר דִין אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעזִיגְלְט פַאר דָאס קִינְד צוּ שְׁטַארְבְּן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע רֵייד, וָואלְט דָאס קִינְד שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעזוּנְט", וִוי אֵיינֶער זָאגְט אַז יֶעצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין, קֶען דָאס קִינְד שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן לֶעבְּן. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דָאס קִינְד אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער.

רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן מְלַמֵּד זְכוּת גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְוָואס עֶר וִויל נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, וַוייל עֶר אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּינְ'ס חוֹלֵק. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ אַזוֹי, הָאט עֶר אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן!"

אִין יֶענֶע צַייט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט גָאר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוּת פוּן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע חָשׁוּבֶע מֶענְטְשְׁן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

מְ'קֶען גָארְנִישְׁט זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אוּן דֶערְצֵיילְן דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוֹת וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן גֶעהַאט, יֶעדֶע נְסִיעָה וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעלִיטְן דֶערוֹיף פִילֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים, בִּיטֶערְנִישְׁן, אוּן שְׁפִיכַת דָמִים. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, נָאר עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן גֶעפָארְן נָאכְאַמָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דִי טַייעֶרֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט גֶעצוֹיגְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת.

זַיין מִשְׁפָּחָה הָאבְּן גֶעוָואלְט עֶר זָאל פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר זָאל פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ קוֹיפְן סְחוֹרָה, אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סְ'הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר זָאל דַארְפְן פַארְבְּרֶענְגֶען אַזוֹיפִיל צַייט, סְ'אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער אוֹיפְ'ן הַארְץ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֵצָה גֶעבְּן.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וואוֹינְט אַ רֶבִּי וָואס קֶען מִיר אוֹיפְלַייכְטְן דָאס לֶעבְּן, עֶר קֶען מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין טוּנְקְלְקֵייט אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן צוּ אִים!".

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה


B"H
Streaming Emunah
Clarity • Connection • Contentment
Connect With yourself your peers and Hashem.
IDEA. 8457769664
Life changing Inspiration for women and girls
212-444-9169
Music
Guest Speakers
Personal stories
Instant Inspiration
Interviews
Q&A


פאר די
ברסלב'ע
שטוב
א חיות
אן לעבן
ג. פעקעטע:
א שותף מיט
אילן מאסק
ש. טראכטער:
אפגעראטעוועט
דעם הייליגן וואנט
הער א מעשה:
נישט געדארפט
אדורכגיין די
הארץ אפאראציע

ש. טראכטער



# אפגעראטעוועט דעם הייליגן וואנט

עשרה בטבת איז פון די טרויעריגסטע טעג אין די אידישע היסטאריע. דאן האט זיך אנגעהויבן די ביטערע חורבן ווען מיר האבן פארלוירן אונזער קרוין, אונזער שיינקייט, דאס בית המקדש.

ווען אספסינוס קיסר איז געקומען איינצונעמען ירושלים, האט ער איינגעטיילט די פיר מויערן פון הר הבית. אויף יעדע וואנט האט ער געשטעלט א צווייטע גענעראל וואס זאל עס פארניכטן. דריי פון זיינע גענעראלן האבן אויסגעפירט זייער באפעל, אבער איינער, וואס האט געדארפט איינברעכן די מערב וואנט האט נישט אויסגעפירט זיין אויפגאבע.

ווען דער קיסר האט געהערט אז זיין גענעראל האט נישט אויסגעפירט זיין באפעל, האט ער אים פארגעהאלטן דערויף.

דער גענעראל האט אים געזאגט, "איך שווער ביים קיסר'ס לעבן אז איך האב דאס נאר געטון פאר'ן כבוד פונעם קיסר, ווייל אויב וואלט מען חרוב געמאכט אלע ווענט, וואלט קיינער נישט געוואוסט די גרויסע זאך וואס דער קיסר האט צושטערט. אזוי ווען מענטשן וועלן זען די איבערגעבליבענע וואנט וועלן זיי זאגן, "אספסינוס איז א העלד! קוק וואספארא געביידע ער האט חרוב געמאכט."

אספסינוס האט אים געגעבן גערעכט און געזאגט, "האסט טאקע גוט און קלוג געטון, אבער ווייל דו האסט נישט אויסגעפאלגט מיין באפעל מוז איך דיר נאך אלץ שטראפן. ווארף זיך אראפ פון א דאך, אויב וועסטו עס איבערלעבן וועל איך דיר שענקען דאס לעבן."

דער גענעראל האט אזוי געטון, אבער ער האט עס נישט איבערגעלעבט...

...

יארן נאכ'ן חורבן פלעגן אידן קומען און זיך אויסוויינען ביי די לעצט פארבליבענע וואנט, די כותל המערבי. די רוימער האבן נישט פארגינען צו זען ווי די אידן פארגעסן נישט און זענען נאך אלץ שטאלץ מיט זייער פאלק. האבן זיי דאן ארויסגעגעבן א גזירה אז מען זאל אונטערצינדן און פארברענען די מויער. עס האט אבער נישט געהאלפן. די שטיינערנע וואנט איז געבליבן גאנץ, און

די פייער האט אים נישט געשאדט.

ביז די גוים זענען אויפגעקומען מיט אן עצה. זיי האבן ארויסגעגעבן א באפעל אז אלע גוים מוזן גיין אויסגיסן זייערע שמוץ, אש און שטויב נעבן דעם כותל. אזוי האבן זיי געטראכט, וועט מיט דער צייט פאר'מיאוס'ט ווערן דאס ארט און פול ווערן מיט שמוץ, און די אידן וועלן מער נישט קענען קומען.

ליידער איז עס זיי געלונגען. טאג נאך טאג, פלעגן די גוים קומען און אויסגיסן זייערע שמוץ. די בארג שמוץ איז כסדר געוואקסן, ביז די גאנצע וואנט איז געווארן באדעקט און מען האט עס מער נישט אנגעזען.

די גוים האבן זיך געפריידט, אבער די אידן האבן געוויינט.

...

יארן זענען פארביי און די אידן האבן נישט געקענט גיין צום כותל המערבי.

אסאך יארן שפעטער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל אן ערליכער איד. ער האט געוועדנט זיינע טריט צו ירושלים, זוכנדיג דעם כותל המערבי, וואו ער האט געוואלט אויסגיסן זיין הארץ.

ער האט עס אבער נישט געקענט געפונען. ער האט זיך נאכגעפרעגט בי די ארטיגע גוים וואו עס געפונט זיך די "אידישע וואנט", אבער זיי האבן נישט געוואוסט פון וואס ער רעדט. זיי האבן נאך אין זייער לעבן נישט געזען אזא וואנט.

דער איד האט אבער נישט אויפגעגעבן. טאג נאך טאג האט ער אדורכגעשפרייזט די גאסן פון ירושלים און געזוכט. איין טאג זעט ער אן אלטע גויטע שלעפט זיך מיט א בארג מיסט אויף אירע פלייצעס און שפאצירט דערמיט צו א ריזיגע בארג פון מיסט און גיסט עס דארט אויס.

פרעגט איר דער איד, "וואס גייט דא פאר?" האט זי אים פארציילט אז עס איז ביי זיי פארהאן אן אלטע מנהג צו ברענגען די שמוץ דווקא צו די בארג, ווייל אידן פלעגן דא האבן א וואנט וואו זיי פלעגן דא קומען בעטן און דאווענען, און מען האט דאס געזוכט צו פארשטערן.

דער איד האט גלייך פארשטאנען די חורבן, אז אונטער די בארג שמוץ ליגט די הייליגע כותל. מיט טרערן האט ער פראבירט אוועקצורוקן אביסל פון די שמוץ, און טאקע אונטער די בארג שמוץ האט זיך אנגעזען שטיינער.

דער איד האט געמאכט א באשלוס אז ער וועט נישט אוועקגיין פון דא ביז ווילאנג ער וועט טרעפן אן עצה וויאזוי אפצורייניגן די שמוץ פון די הייליגע וואנט.

נאכן אסאך בעטן דעם אייבערשטן איז דעם איד בייגעפאלן אן עצה, דער באשעפער האט אים אריינגעשיינט א קלוגע געדאנק....

דעם קומענדיגן טאג האט ער געטראפן איינע פון די שטאטס מענטשן, און אים אריינגערוימט א סוד אין אויער: "איך וויים אז אונטער די בארג מיסט ליגט באהאלטן אן אוצר."

דער גוי האט נישט געוואוסט אז די אוצר מיינט די הייליגע שטיינער און נישט קיין געלט, אבער ווי נאר ער האט דאס געהערט איז ער אריבער צו זיין חבר און אים בסוד סודות איבערגעגעבן די סוד. דער סוד איז געלאפן איבער די לענג און די ברייט פון די שטאט, און ביז געציילטע שעות זענען יונג און אלט געווען ביים כותל און אנגעהויבן אפרייניגן די שמוץ.

נאך שעות פון ארבעט האט די זון אנגעהויבן אונטערצוגיין און די גוים זענען אהיים. דאן איז אונזער אידל ארויסגעקומען, און שטילערהייט האט ער אריינגערוקט אפאר רענדלעך טיף אינעם וואנט.

דעם קומענדיגן טאג, ווי נאר די זון האט אויפגעשיינט, זענען מחנות פון גוים געקומען מיט א פרישקייט אפרוימען די שמוץ, כדי צו קענען אנדעקן די אוצרות

פלוצלינג האט זיך געהערט א געשריי, "איך האב געפונען א גאלדענע רענדל...."

דער עולם איז געכאפט געווארן מיט התפעלות, און האבן מיט נאך מער פלייס ווי פריער אנגעהויבן צו ארבעטן און קערן און אפרוימען די שמוץ פון די הייליגע וואנט.

נאך עטליכע גוים האבן געפונען אוצרות, און דאס האט נאך מער אויפגעהייצט די געמיטער. ווען די נאכט איז צוגעפאלן איז דער איד ווידער געקומען און נאכאמאל אריינגערוקט אפאר רענדלעך.

אזוי האט דער איד געטון יעדן טאג. ער האט אויסגעגעבן זיין גאנצע פארמעגן צו ראטעווען די הייליגע וואנט. די גוים, וועלכע האבן יעדן טאג געפונען אפאר רענדלעך זענען זיכער געווען אז עס ליגט טאקע באהאלטן א גרויסע אוצר אונטער'ן וואנט, און זיי האבן שווער געארבעט.

נאך א שטיק צייט פון קערן און רוימען האט זיך אנדעקט פאר די גוים דער אוצר. נישט אן אוצר פון געלט וואס זיי האבן געמיינט אז זיי וועלן געפונען, אבער אן אמת'ע אוצר. זיי האבן געזען א וואנט, ריזיג און גרויס מיט גרויסע שיינע שטיינער, שטיין מיט איר פולן פראכט.

דער איד האט געקוקט פון דער זייט בשעת טרערן פון פרייד גיסן זיך פון זיינע אויגן. ווען די וואנט איז שוין געווען ריין, האט דער אייבערשטער אראפגעשיקט א שלאקס רעגן.

דריי טעג האט גערעגנט ממש אן אויפהער און די הייליגע כותל איז אפגעשווענקט געווארן פון אלע אנגעקלעבטע שמוץ.

פון דאן אן פלעגן הונדערטער טויזנטער אידן זיך קומען אויסוויינען ביי די הייליגע שטיינער. אידן פלעגן אויסדרוקן זייער בענקעניש צו אונזער בית המקדש אויף אט די שטיינער.

דו מיינסט אמאל אז די ישועה וואס דו דארפסט איז ממש אוממעגליך ס'זאל געשען, ס'איז ממש א תפילות שוא, זאלסטו זיך גלייך דערמאנען די מעשה פון דעם איד וואס האט זיך נישט מייאש געווען, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט אים אריינגעשיינט אן אינטערעסאנטע געדאנק וויאזוי צו אפראטעווען דעם כותל. דאס קען ביי די אויך פאסירן אויב דו וועסט נישט אויפגעבן די זאך פון תפילה - בעטן דעם אייבערשטן.

זאל דער אייבערשטער העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צום בנין בית שלישי ווען דער בית המקדש וועט שטיין אין איר פולן פראכט און מיר וועלן דארט דינען דעם אייבערשטן מיט פרייד.

ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים. אמן. ■



ג. פעקעטע

# א שותף מיט אילן מאסק

העני איז זיך ווערד געוועזן יעדע פעני.

איך האב דאס נישט געגלייבט פון איר. איך האב זיך געטראפן מיט העני איין טאג אין א טייערע דיזיינער געשעפט. איך זעה איר מיט א פולע וואגן, אריינלייגנדיג רעכטס און לינקס, יעדע סארט זאך וואס מען קען נאר.

איך האב זיך זייער געוואונדערט דערויף, העני איז דאך געוועזנטליך אזא אחריות'דיגע, מיושב'דיגע, איבערגעקלערטע פרוי, לויט די אלע יארן וואס איך קען זיך מיט איר. אבער דא זעט אויס ווי העני האט געכאפט עפעס א קנאק אין קאפ, און זי פירט זיך אויף זייער נישט העני'דיג.

מיר זענען געווען אין א טייערע געשעפט וואס איז א כל בו - זיי פארקויפן אלעס פאר די גאנצע שטוב, און פאר די גאנצע משפחה. איך בין אהינגעגאנגען זיך אביסל אויסלופטערן, אויסבלאזן, און צו זען אויב ס'איז דא עפעס וואס איז שוין ניינציג פראצענט אראפ די פרייז, וואס וועט זיך מיר לוינען אלס מציאה אהיימצוברענגען פון מיין אויספלוג.

אבער דא זע איך העני - די מסודר'דיגע סארט, די אחריות'דיגע פרוי - מיט פולע וועגענער. עפעס האט נישט געשטימט. ווען איך האב זיך געטראפן מיט איר פנים אל פנים, האבן מיר זיך ווארעם באגריסט, און אריינגעגאנגען אין א פריינטליכע שמועס.

העני פארציילט מיר מיט עקסטאז אין איר שטימע: "דו ווייסט" - זאגט זי מיר מיט א גלאנץ אין איר אויג - "איך בין היינט געווארן אויפגענומען צו ארבעטן אין די גאווערמענט."

"אזוי???" - איך עפן אויף צוויי ברייטע אויגן - "יא יא" - זאגט זי - "הער א מעשה, היינט בין איך געווארן באלוינט צו ארבעטן אין די דעפארטמענט אוו עפישענסי, א נייע אפטיילונג אין די גאווערמענט, וואס איז קוים יעצט געגרינדעדט געווארן, צו העלפן פירן דאס לאנד אמעריקע אויף א גראדע מסודר'דיגע וועג, וואס זאל פארן smooth אלע געלט טראנזעקשנס."

איך האב געשאקלט מיין קאפ מיט גרויס נייגער, "וואס זאגסטו העני? וואס האסטו מיט גאווערמענט? איך פארשטיי נישט, לויט וואס איך קען דיר, ארבעטסטו שוין יארן לאנג נישט, ווי קומסטו דא אריין אין די גאווערמענט? דו וואוינסט דאך דא אין א היימישע אידישע געגנט, דיינע קינדער לערנען אין ערליכע מוסדות, דיין מאן איז עוסק אין מלומדות, ווי קומט אריין אז דו זאלסט ארבעטן פאר

די גאווערמענט?"

זי צולאכט זיך הויעך אויפן קול - "הער א מעשה, די מעשה גייט שוין אן עטליכע צענדליגע יאר."

מיט נייגער זעץ איך זיך אראפ אויף א באקוועמע פינק וועלוועט קאוטש, וואס איז צוגעשטעלט פאר די רייכע איינקויפערנס אין די טייערע געשעפט. העני פריידט זיך, זי האט געטראפן אן אויער וואס הערט איר אויס, זי קען שוין קוים ווארטן צו פארציילן איר מעשה.

"מיט צען יאר צוריק, מיין מאן איז געזעצן אין כולל און פלייסיג געלערנט, איז איינער צוגעקומען צו אים און אים פארגעשלאגן א מורא'דיגע דיעל - קוקט אויס עס זענען דא סעילס מענטשן וואס האבן ארויס זייער פאך, און ווייסן גוט ווי אזוי צו כאפן פיש. העני'ס מאן - שטעלט זיך ארויס - איז געווען א פעטער פישל צו כאפן. מיט א גאנצע מעשה פון פארדעם און נאכדעם, און נאך שפעטער און נאך נאך נאך שפעטער, וואס גייט זיך ארויסלאזן, האט העני'ס מאן גערן גענומען די פאר הונדערט דאלער וואס איז געלעגן ביי זיי אין לעדל פון דרשה געשאנק, און עס אריין געלייגט ביי דעם סעילס מאן וואס האט צוגעזאגט גרויסע רווחים אין א קורצע צייט - ווייל ער קען זיך גוט אויס, און ער גייט העלפן העני און איר מאן - די גרויסע פעטע פישל - האבן א פיינענשל סטעיבל פיוטשער.

ער האט צוגעזאגט מיט ווערטער און לשונות וואס איז שווער נאכצופאלגן, און נאך שווערער צו אמת'דיג פארשטיין וויאזוי די אינוועסטמענטס ארבעטן, אבער מיט אסאך צוזאג אז עס וועט זיך זיי לוינען, זיי וועלן קענען גרינגערהייט חתונה מאכן די קינדער, ווייל אין צוואנציג יאר ארום וועט שוין זיין גרויס גרויס גרויס רווח פון די אינוועסטמענט."

העני פארציילט מיר אז ווען איר מאן איז איר אהיימגעקומען זאגן אז ער האט גענומען זייער לעצטע גרינע דאלערס און עס אריינגעלייגט אין אן אינוועסטמענט דיעל, וואס איינער האט אים פארקויפט אין כולל מיט גרויסע צוזאגס, איז איר שווארץ געווארן פאר די אויגן. זי האט נישט געהאט די פאר דאלער צו גיין איינקויפן פאר נאכטמאל די נעקסטע נאכט, אבער איר מאן האט נאכגעזאגט די צוזאג אז עס גייט קומען גוטע טעג, און זיי האבן פרובירט צו אויסבארגן די שמחה וואס וועט שוין נאכפאלגן אין צוואנציג יאר ארום, ווען זיי וועלן שוין זען די פראפיטס פון די אינוועסטמענט.

שווערע יארן זענען פארביי. העני האט פרובירט וויפיל זי קען מחזק זיין איר מאן אין זיין התמדת התורה, זי האט געהאלפן מיט פרנסה, איר מאן האט געטון אביסל ארבעט אין די זייט, און אזוי האבן זיי דורך געשטופט די יארן.

נישט קיין סאך צייט נאך וואס דער סעילס מאן האט גענומען זייער לעצטע פאר דאלער, און זיי צוגעזאגט אן אינוועסטמענט דיעל, איז העני'ס מאן פריילך אהיימגעקומען איין פארנאכטס און אויסגערופן: "מיין טייערע ווייב, עס קוקט שוין אויס ווי עפעס טוט זיך מיט אונזער געלט, איך פיל שוין, און איך הער שוין צוריק אז אונזער אינוועסטמענט איז געווען די בעסטע וואס קען נאר זיין ב"ה. דער סעילס מאן טויגט דאך יא, ער ווייסט דאך יא וואס ער רעדט".

העני האט ערווארטעט ער זאל ארויסנעמען א בינטל גרינס פון זיין טאש. אבער ניין - זאגט איר איר מאן - די געלט איז נאך נישט דא. אבער ער האט מיר פארציילט, אז ווען איך האב אים געגעבן די געלט, האט ער עס אריינגעלייגט אין די קאמפאני טעסלא - א קאמפאני וואס האט געמאכט עלעקטעריק קארס די ערשטע. דעמאלט - זאגט איר איר מאן - איז נאך געווען גאר ביליג צו קויפן א סטאק אין די קאמפאני, וויבאלד עס איז נאכנישט געווען ארויסגעקומען די קאר, און מענטשן האבן שווער געגלייבט אז דאס זאל זיך אויסארבעטן. אבער - לייגט ער צו - יעצט איז שוין עטליכע יאר שפעטער, און די קאמפאני סטאקס פון טעסלא איז ארויפגעפארן גאר גאר הויעך, ווייל מען האט געענדיגט פאבריצירן די קאר, און עס איז יעצט ארויס אויף די מארקעט אויף צו פארקויפן פאר א הויכע פרייז, און דאס האט געמאכט אז



די סטאק פון די קאמפאני טעסלא זאל ארויפשפרינגען. קוקט אויס - זאגט דער פעטער פישל פאר זיין ווייב - אז אין נאך א קורצע צייט וועלן אונז זיין גאר גרויסע עשירים.

די פארפאלק האבן זיך צוזאמען געפריידט, זיי האבן געהאלטן אין איין זיך נאכפרעגן, און אריינטשעקן אין די סטאק מארקערט פון די קאמפאני טעסלא, צו זען ווי עס האלט.

ווען עס איז ארויף, האבן זיי זיך מיטגעפריידט, אין די שווארצערע טעג ווען די נאמבערס זענען געפאלן, האבן זיי זיך ביידע אנגעהויבן זארגן, וואס וועט זיין? וואס וועט זיין? אבער נאך א שטיק צייט זענען די נאמבערס צוריק ארויף, און זיי האבן צוזאמען געשפרינגען פאר פרייד.

אזוי איז עס, דער יצר הרע מאכט אלס א וועג ווי ער קען איינעם אריינכאפן און פארשפילן די יארן און טעג, נאכלויפן דמיונות צו פארפאטשקענען די יארן און טעג.

העני'ס מאן, אן ערנסטער אינגערמאן, האט זיך אריינגעלייגט אין די סטאק, און ער איז געווארן אבסעסד דערמיט, יעדע פאר מינוט האט ער נאכאמאל געדארפט אריינטשעקן וואו האלט די סטאקס. עס איז ארויף אין פראצענט, פופצן פראצענט, אראפגעפאלן צוואנציג פראצענט. זיין גאנצער מח איז געווארן פארנומען קוקן וואו האלט די אינוועסטמענט, זעהן צו היינט האט זיך עס געלוינט, אדער היינט האב איך דערלייגט. ממש אזוי ווי אונזער לעבן, א טאג ארויף א טאג אראפ. האב איך היינט פארדינט, אדער האב איך היינט דערלייגט - פאר מיין אייביגן עתיד - דארפן מיר זיך פרעגן יעדע נאכט.

אבער העני'ס גליק האט איר דאסמאל באטראפן.

"איך גיי דיר נישט מער צו לאנג אויפהאלטן און האלטן געשפאנט וואס איז געשען", זאגט מיר העני "אבער אין קורצן דער באלעבאס פון די קאמפאני טעסלא, וואו מיין מאן האט אריינגעלייגט אונזער אלע דרשה געשאנק געלט, איז אויך געווארן אויפגענומען לעצטנ'ס מיטצואורבעטן מיט דעם נייעם פרעזידענט פאר אמעריקע. טראמפ האט אים אויסגעוועלט צו זיין זיין עצה געבער, ווי אזוי צו פירן די לאנד מיט אלע געלטער. אילן מאסק, חוץ פון האבן די קאמפאני טעסלא, האט ער אויך מיט אן אנדערע קאמפעני - דאדזשקוין, וואס דאס איז א סארט קריפטא געלט - וואס מיר זעהן קלאר אז עס איז א דמיון, ווייל ווען מען האלט די גרינע דאלערס אין די הענט, קען מען זיך נאך נארן אז מען האט עפעס - אבער נישט דא - מיט קריפטא וואס קיינער קען נישט מסביר זיין.

שלמה המלך האט שוין געזאגט 'הבל הבלים' אלעס איז נארישקייטן, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין עצתו אמונה זייער קלאר 'אלע מחשבות, חוץ פון טראכטן פון דער אייבערשטער, איז דמיונות'.

העני און איר מאן לויפן שוין יארן נאך די דמיון, אבער יעצט איז העני'ס מאן אהיימגעקומען איר מעלדן די פריילעכע נייעס אז אילן מאסק - דער באלעבאס פון די קאמפאני וואס זיי האבן אינוועסטירט זייער געלט, איז געווארן אויפגענומען צו פירן דאס לאנד אמעריקע. קומט אויס - לייגט העני צו מיט טריאומפ אין איר שטימע, אז איך האב היינט א סטאק, א חלק אין די גאווערמענט אויף די יו עס עי.

איך האב נישט געוואוסט צו איך זאל לאכן אדער וויינען, מיין קאפ האט זיך אנגעהויבן דרייען, 'איך' בין משוגע - קלער איך - אדער איז 'זי' משוגע, וואס איז די מעשה דא?

העני לייגט צי זייער פריילעכרהייט, "וועגן דעם זעסטו מיר דא היינט איינקויפן אין די טייערע געשעפט, אלע ברענד נעימס קליידער, שיך, עקסעסעריז, וואס איך וואלט אין מיין לעבן אפילו נישט געקוקט אויף די זייט צו טראכטן דערפון. אבער היינט - דארפסטו פארשטיין, בין איך פון די רייכסטע פרויען אין אמעריקע. ווייל אילן מאסק איז געווארן דער רייכסטער מענטש אין די וועלט."

***

ווען דער הייליגער רבי נתן איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן, האט ער געשפירט ווי ער הייבט אן לעבן מיט א געוואלדיגע קלארע אמונה, ער איז צוקומען צו גאר גאר הויכע שיינע זאכן.

רבי נתן איז נישט געווען סתם איינער פון גאס - ער איז שוין געווען א גרויסער צדיק און תלמיד חכם - נאך איידער ער איז אנגעקומען צו דער הייליגער רבי. דאך ווען דער הייליגער רבי האט אים געזאגט, איך האב דיר שוין פארכאפט אין מיין זאק, האט רבי נתן גוט געוואוסט אז דא איז דא א יצר הרע וואס שטייט און וויל אוועקנעמען יעדן איינעם פון דעם גרויסן צדיק, האט רבי נתן צוריקגעזאגט פארן רבי'ן: "רבי, בינד מיר צו אין דיין זאק אז איך זאל נישט ארויסלויפן".

וואס זאלן מיר זאגן? ווי אזוי קענען מיר זיך צובינדן אין דעם הייליגן רבינ'ס זאק?

העני לערנט אונז א שטיקל מהלך. ווען דו לייגסט אריין עפעס, ווערסטו צוגעבינדן צו יענע זאך. העני'ס מאן האט אריינגעלייגט אפאר דאלער אין טעסלא, איז ער שוין זיינע אלע יארן נאכגעלאפן די קאמפאני, ווייל ער איז דאך צוגעבינדן דערין, ער האט עפעס אריינגעלייגט.

רבי נתן האט אונז איבערגעלאזט א גוטע עצה - וואס איז א גאראנטי צו בלייבן צוגעבינדן אין דעם הייליגן רבינ'ס זאק - דאס איז הפצה. א מענטש וואס גייט הפצה - פארשפרייט דעם רבינ'ס עצות דורך א קארטל, קונטרס, נאמבער פון חיזוק, ווערט אליין צוגעבינדן צו די זיסע חיזוק ווייל ער איז אינוועסטעד אין דעם.

לאמיר זען ווי אזוי איך קען עוסק זיין אין הפצה, זיך אליינס צוצובינדן צו דער הייליגער רבי. זאל עס זיין דורכ'ן שיקן א טעקסט פאר א חבר'טע, מיט א זיסע חיזוק פונעם הייליגן רבי'ן סטאקראו, אדער געבן א נאמבער וואס רעדט זיך פון די חיזוק פון דעם הייליגן רבי'ן.

אפשר קען איך טיילן קונטרסים פאר מיין משפחה און פריינד? געבן געלט צו דרוקן די הייליגע קונטרסים און גליונות?

אפשר מחזק זיין א מפיץ, און זיי נישט אוועק מאכן, נאר אויפבויען און פרעגן - ווי אזוי קען איך דיר העלפן?

אפשר איבערלאזן א פערזענליכע מעשה פון תפילה? דאס וועט מיר ציען צו עס צו ווילן אויסהערן - און אזוי שעפן נאך חיזוק פון אנדערע וואס רעדן אויף פון תפילה און התבודדות.

יעדער איינער האט א חלק אין הפצה.

וואס איז דיין חלק?

ל. וועבערמאן

# א חיות אין לעבן

קום אריין מיט מיר אינעם קליינעם גרינעם זשיפ! ביזטו גרייט? מיר וועלן זיך מאכן באקוועם אינעם זיץ אינטערן שאפער. גארטל זיך אן, א פרוטה לצדקה, תפילת הדרך, און מיר זענען גרייט צו פארן לאנגע שטרעקעס...

דו האסט לעצטנס געטון אזא גוטע ארבעט אלץ ווייב, מאמע, לערערין... האסט געהאט סבלנות, יעדעם אויסגעהערט און געטון די בעסטע לויט דיינע יכולות... יעצט וועסטו אלץ אנערקענונג באקומען א באלוינונג. מיר פארן אויף אן אויספלוג. מיר האבן געמאכט די ווייטע רייזע איבער׳ן ים צו די קאנטינענט "אפריקע".

די טינקעלע נאכט הייבט אן ווערן צושטערט פון די ערשטע זון שטראלן. די לופט איז פארנעפלט פון די טוי וואס שוועבט נאך אין די לופט. דערוויילט שלענגט זיך אונזער זשיפ אויף גאנץ א שנעלע ספיד. די דרייווער וואס זיצט אין פארנט קען זיך גוט אויס מיט די שמאלע, לאנגע trails צווישן ביימער, וועלדער, און פעלדער. מיר לאזן זיך פירן מיט ערווארטונג, בשעת מיר אטעמען אריין די לופט וואס בלאזט דורך די אפענע vehicle, וואס די פענסטערס איז אפן אן א גלאז.

אונזער ספעציעלע אויספלוג איז א 'safari', ווי מ'קען אריינפארן אין די וועלדער צווישן ווילדע חיות. די פלאץ הייסט 'Kruger National Park'. עס געפונט זיך אין די לאנד וואס רופט זיך 'סאוט אפריקע'. ווי מיר ווייסן, איז דארט די פלאץ פון די טינקעלע. ווי זייער קולטור דארט איז א שטארקע קאנטראסט צו אונזער פארגעשריטענע וועג פון לעבן. אבער זארגט זיך נישט ביי אונזער אויספלוג וועלן מיר באקומען אלעס לויט אונזער



סטאנדארט ווי מיר זענען צוגעוואוינט.

מיר פארן אריין טיפער און טיפער אין די וועלדער, ווען מיר ווארטן שוין זיך צו אנטרעפן מיט די ווילדע חיות וואס לעבן דארט אויף זייער אייגנארטיג לעבנסשטייגער לויט די אריגענעלע וועג וויאזוי דער אייבערשטער האט זיי באשאפן. די Kruger National Park איז גרויס בערך 7,500 סקווער מייל. ס'קומט אויס בערך 5 מיליאן עיקערס. יא, איר ליינט גוט! ס'איז ריזיגע שטחים ארומגענומען מיט צוימען אז מענטשן זאלן נישט קענען ארויסטראגן אדער הרג'ענען די חיות. אזוויי די שטח איז אזוי ריזיג גרויס, האט עס בערך 10 טויערן ווי מ'קען אריינקומען (אפשר גענוג פאר די שבטים אריינצוקומען פון עקסטערע טויערן).

די סיבה פארוואס מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אין די פריע פארטאגס שעות, איז ווייל דאמאלט זענען די חיות מער אקטיוו ווייל ס'איז נאכנישט אזוי הייס.

ענדליך, ענדליך, מ'זעט שוין עפעס...

## די זיברעס

א גרויסע גרופע פון די שווארצע און ווייסע געשטרייפטע זיברעס דרייען זיך ארום רואיג, זיי שטייען ארום די טייך צו טרינקען און דאנקען דעם אייבערשטן אויף זייער שפראך, און לעבן זיך א חיים טובים.

## די לייב

ווייטער פארן מיר ביז מיר זעען אונזער באקאנטע קעניג פון די חיות - די לייב. מיט גרויס באוואקסענע האר ארום די פנים, ווען עס קומט זיי נישט אין באטראכט צו פוצן אדער שניידן די בארד!

מיר זעען זיי ארומשפאצירן היפש ווייט פון אונז. מן הסתם איז עס די זיידע און באבע מיט זייערע אייניקלעך. ווער ווייסט אפשר האלטן זיי אינמיטן צאמהאלטן די משפחה ביי א חנוכה מסיבה... דא דארפן מיר שוין ארויסנעמען אונזערע קוקערס צו קענען כאפן א נענטערע בליק מיטצוהאלטן זייערע פארברענגען...

אונזער דרייווער האט געהאט א ספיקער ווי ער האט אנגעצינדן אינטערסאנטע קולות ווי מ'הערט א גרופע היאנער ווילן אטאקירן א wardog. פלוצלונג, ווי עס וואלט געווען אפגעשמעוסט, זעט מען ווי אלע לייבן דרייען זיך צו אונז און ווענדן זיך צו אונזער ריכטונג - זעט אויס צו קומען באשיצן די wardog. אפילו די לייבן קומען צו אונזער אפענע קאר וועלן זיי אונז נישט אטאקירן, ווייל די jeep איז גרעסער פון זיי, און זיי וועלן זיך נישט אנהייבן מיט אזא איינעם.

## די חיות אין וואסער

אין די וואסער דרייען זיך עלעגע'טער, און די היפאס זיי כאפן טבילות ווי אפט זיי קענען נאר. אלע פירן זיך לויט זייער טבע שוין פאר די לעצטע עטליכע טויזנט יאר, זייט די וועלט באשאף. קיינער דארף זיי דארט נישט פיטערן אדער קעיר נעמען, יעדער פירט זיך נאטורליך.

פונקט ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט א וועג אין לעבן ווי מ'לעבט נאטורליך, און דער ראש ישיבה ברענגט עס אריין אין אונזער טאג טעגליכע לעבן. מיר האבן אין זיך א חלק אלוקי ממעל. ביי אונז וועט נאר ארבעטן צו לעבן מיט די תורה, און מיר ווייסן אז יעצט קען מען יא, און יעצט זאגט דער אייבערשטער ניין. מיט דעם זענען מיר אנדערש ווי די חיות. אבער ביי די זאכן וואס די תורה לאזט, זענען מיר נאטורליך. אויב מען מעג, מעג מען. נישטא קיין קוקן ביי א צווייטן.

אפשר ווען אונזער רייזע וועט זיך רוקן פאראויס וועלן מיר בעסער פארשטיין.

## אין קעמפ

פאר מיר פארן ווייטער שטעלן מיר זיך אפ ביי א סטאנציע - א קעמפ ווי עס געפונען זיך רעסטוראנטן, אינטערעסאנטע פארוויילונג און געשעפטן. מיר באקומען סערווירט אונזער באשטעלטע כשר'ע מאלצייט. ביז מיר ווערן שוין מיד און נאכדעם צוריק אויסגערוהט גרייט ווייטער צו פאברענגען.

## די חילוק פון א זו

אז מיר גרייטן זיך צו פארן ווייטער, דארפן מיר מאכן א שטיקל חשבון. וואס האט אונז אויסגעפעלט צו פארן אזא לאנגע אפגעמאטערטע וועג ביז איבער'ן ים אין די דריטע וועלט לענדער??? נאכדעם פונעם לופטפעלד ביז די דעסטינאציע איז נאך א גאנצע איבערגאנג. וואס איז די מעשה דא? קען מען נישט זען די אלע חיות אין די בראנקס זו? אדער איז דא גענוג אנדערע חיות גארטנס, ווי מ'קומט אן אין א שעה צוויי, אדער דריי? וואס איז בעסער צו זען די חיות נאכן ווערן אויפגעשאקלט אין צומישט די סדר?

וואס דען? עפעס וואס פירט זיך אינגאנצן נאטורליך - אזוי ווי דער אייבערשטער האט באשאפן האט א מורא'דיגע חן!!!

למשל א משפחה'לע וואס זיי לעבן ווי אדם און חוה, כאילו ס'איז נאר דא איך מיט דיר און קיינער מער, דאמאלט לעבן זיי נאטורליך און עס האט א מורא'דיגע חן.ביידע קוקן צום אייבערשטן און טוען פונקט וואס ער הייסט, אן דעם וואס מ'זאל פירן חשבונות אדער ווערן מבולבל פון וואס דער שכן וועט טראכטן. און אן קוקן אויף די חבר'טע, אפשר האט זי בעסער געטראפן און אפשר שטעלן



זיי אהער א שענערע פנים.

איז לאמיר נאך אביסל אויסנוצן די צייט פאר עס ווערט טיפער אין טאג ווען די שטארקע זון שטעלט זיך אינמיטן הימל שיקענדיג זיינע הייסע שטראלן. די וועגן ווערן שווערער, און די חיות טרעפן באהעלטענישן זיך צו שיצן פון די היץ.

**די מאנקיס**

מיר באגעגענען דא אין דארט מאנקיס ארומשפרינגענדיג אויף די ביימער מיט זייער אייגנארטיג וועג פון פאברענגען און טרעפן עסן. אן עלעפאנט זעען מיר שפאצירן מיט שווערע טריט, קוקט אויס ממש ווי די וועלט איז געשטארבן, ווען ער וואונקט אזוי מיט זיינע גרויסע אויערן. פרוביר נאר זיך צו אנהויבן מיט איינע פון די קינדער פון סיי וועלכע חי', זיי וועלן זיך אננעמען און צומאל זיך ראנגלען פאר שעות צו באשיצן זייער קינד.

יא. נישטא וואס צו רעדן, כ'מוז מודה זיין ס'האט א חן ווען זיי לעבן אזוי, אן דעם וואס איינער זאל זיי אהערשטעלן. זיי לעבן אן חשבונות און דמיונות. זיי האבן נישט קיין יצר טוב און נישט קיין יצר הרע. נישטא קיין עליות און ירידות וואס מיר מענטשן האבן. די אלע אָפְּס און דאונס וואס איז דא ביי א מענטש איז א מתנה פונעם אייבערשטן צו אונז, אונז מאכן קונה זיין שכר און אונז צו ברענגען צו תפילה מיר זאלן דארפן בעטן דעם אייבערשטן ווען מיר טרעפן זיך אין א שפאלט צווישן טיר און אנגל.

וואס טוה איך אז איינער דערגייט מיר די יארן? א צווייטער נוצט מיר אויס ביז'ן לעצטן טראפ. און א דריטער קען איך נישט פטור ווערן, ער טרעט מיר אויף די נערוון ביז עס גייט שוין כמעט קראכן.

שכח אייבערשטער פאר די הערליכע סצענעס וואס מיר האבן מיטגעלעבט לייוו. אבער וויאזוי קען איך לעבן מיט די חן פון לעבן נאטורליך ווען מיין לעבן איז אזוי קאמפליצירט?

מיר וועלן יעצט צופארן צו אונזער hotel ווי עס איז שוין אנגעגרייט א באקוועמע רום צו אויסצוען די ביינער מיט א געשמאקע כשר'ע מאלצייט. מיר וועלן זיך קענען צאמנעמען און איבערטראכטן וואס מיר האבן מיטגעלעבט און וואס מיר ווילן מיטנעמען ווען מיר גייען אהיים.

**וואס איך נעם מיט**

מוהרא"ש האט געהאט א מורא'דיגע חכמה און עצות פאר אונז וויאזוי מיר קענען לעבן נאטורליך, אונזער לעבן זאל האבן א חן. ווען מיר הערן זיך כסדר צו צו די שיעורים פון דער ראש ישיבה וועלן מיר צוביסלעך אנהייבן זען ווי דער ראש ישיבה ברענגט עס אריין אין אונז. אנגעהויבן ביי די חתונה מאכן. וואס זאגט דער אייבערשטער מען דארף טון? מען דארף שטעלן א חופה, און מאכן א כשר'ע קידושין. פון דא און ווייטער קען די כלה זיך נאטורליך פרייען צו די חתן און די חתן צו די כלה. אלע אנדערע זאכן איז נישט קיין נפקא מינא פינקטליך ארויף, אראפ...

ווייטער ביי די חתונה געהאטע לעבן פירט מען זיך מיט די הלכות אן צולייגן אדער אראפנעמען, און ווייטער טוט מען לויט ווי מען שפירט נאטורליך צו טון. מען שמועסט און פארברענגט אפנהארציג, און קאמפלימענטן דארף נישט זיין קאמפליצירט, נאר עס קומט אן גרינג און נאטורליך.

ווען מען שמועסט מיטן אייבערשטן דארף מען זיכער זיין נאטורליך אן דעם וואס מ'זאל ארויפשטופן דעם אייבערשטן אויף די אויבערשטע הימלען. פונקט ווי איך און דו קענען רעדן צו א שוועסטער.

אז מ'איז זוכה צו א קינד, לערנט דער ראש ישיבה - זאלסט זיך פירן ווי ס'איז נאטורליך פאר א מאמע צו הנאה האבן פון די קינד'ס זיסקייט, און עס ארומנעמען. האב הנאה צו פאברענגען מיט די קינד ווען מ'קען. אבער נאר נישט פאלטש אדער געמאכט. טו עס פונקט לויט ווי דער אייבערשטער מאכט עס פאר א מאמע נאטורליך, אן צוהערן פראפעסיאנעלע עצות געבויט אויף סינטעטישע געפילן.

אזוי ווייטער אין די לעבן ביי יעדע זאך. למשל אן אפשערן אדער א בר מצוה פריידט מען זיך אז מ'איז זוכה צו פירן אין חדר אדער לייגן תפילין, נישט די זייטיגע זאכן ארום.

ווען עס קומט צו איינטיילן די געלט לעבט מען אויך נאטורליך. אז דער אייבערשטער געבט, קען מען עס אויסנוצן אויף וואס ס'פעלט אויס. אז מ'דארף עפעס און מ'האט נישט די געלט בעט מען דעם אייבערשטן זאל עס שיקן, אנשטאט צו דרייען מיט די קארטלעך און אנשטעלן א שיינע פנים. אז מ'האט געבעטן און מען האט עס נאכנישט באקומען בין איך שולדיג פאר מיר א נייע מאנטל אדער א קאוטש. אזוי איז די לעבן פיל מיט חן.

גאנץ פיין איז זיך געשלאפן אין די פיינע האטעל בעטן. מיר האבן שוין אויך עפעס קונה געווען אויף למעשה. יעצט זענען מיר גרייט צוריק אין די jeep גרייט צו גיין, און איך האף דו האסט זיך אויפגעפרישט מיט די אויספלוג. יעצט פעלט שוין נישט אויס דו זאלסט אין רעאליטעט באשטעלן טיקעטס צו אפריקע און אויפדרייען די קישקעס צו אנקומען ביז אהין, ווייל ס'איז נישט אזא וויכטיגע חלק אין די לעבן. די נקודה איז אז דו ביסט צוריקגעקומען צו די ארבעט מיט באנייטע כוחות.



# הער א מעשה

## מרת איידליס
קרית ברסלב

מיין טאטענ'ס דאקטער האט אים געזאגט אז מען גייט אים דארפן מאכן א הארץ אפעראציע. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ביי די חנוכה לעכט אז מען זאל נישט דארפן מאכן דעם אפעראציע.

פארגאנגענעם זאת חנוכה האט פאסירט די געוואלדיגע נס, די דאקטער האט אנגערופן זאגן אז ער זעט מ'וועט נישט דארפן צום סוף מאכן די אפעראציע.

שכח אייבערשטער!

## א. זויבערמאן
צפת

מיר זענען געפארן צו א חנוכה מסיבה אין בני ברק. איך האב געדארפט שאפן א איינער זאל איבערנעמען מיין ארבעט, אבער וועם איך האב נאר געפרעגט האט קיינער נישט געקענט מיר איבערנעמען.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען שאפן איינעם.

אינמיטן האט איינע פון מיינע חבר'טעס מיר געזאגט אז אפשר איר חבר'טע וועט קענען, זי האט איר גערופן פרעגן אויב זי קען, שכח איבערשטער זי האט טאקע געקענט קומען.

## ח. ש. פעלבערבוים
בארא פארק

1. די טלית קטן פון מיין מאן איז געווען זייער פלעקיג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען מאכן זייער שיין. איך האב עס גוט אפגעריבן און אויסגעוואשן, שכח אייבערשטער ס'איז ארויסגעקומען הערליך שיין נאך שענער פון די קלינערס.

2. איך האב געשפירט א שטארקע הכרת הטוב צו מיינע בעביסיטער וואס ארבעט אזוי שווער א גאנצן יאר, איך האב געוואלט געבן עפעס א מתנה, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן עפעס א געדאנק פון א מתנה.

איך בין ארויסגעגאנגען שאפינג צו טרעפן עפעס, שכח אייברשטער איך האב געטראפן ביי א געוויסע סטאר א הערליכע פערטיגע זאך וואס איז געווען שיין און נוצבאר פאר איר.

שכח אייבערשטער פאר די עצה פון תפילה.

## ל. ש. וועבערמאן
קרית ברסלב

איך האב ברוך השם באקומען א גוטע מייקראעיוו צו אנווארעמען עסן נאכן בעטן דעם אייבערשטן א לאנג צייט פאר דעם. יעצט זעט אויס האט זיך אויסגענוצט די תפילות און די גאלאזערנע טעלער פון אינעווייניג האט זיך צובראכן.

אזוי האט זיך עס געשלעפט א לענגערע צייט און איך האב נישט געקענט ניצן די מייקראעיוו.

איך האב נאכאמאל אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן צו באקומען א נייע טעלער כדי צו קענען ניצן די מאשין, שכח אייבערשטער איך האב געקענט באשטעלן א נייע, און עס צוריק אנהייבן ניצן. אפטיילונג אויף די האטליין.

שכח אייבערשטער פאר אלע גוטע זאכן וואס דו געבסט אונז.




# א גוי גייט הפצה?!

# יאַקאַב!



**אין קורצן פון פריער: יעקב (יאקאב) איז אנטלאפן קיין רוסלאנד דורך וועלדער. ער איז אנגעקומען צו א פארווארפענע פארם אין אוזבעקיסטאן. איין טאג האט דער הויפט אפגעמאכט אז ער וויל אים נעמען פאר א חתן פאר זיין טאכטער. יאקאב איז אנטלאפן צו די וואלד ארום די קאלכאז.**

**פלוצלינג האט ער געהערט א שטארקע העליקאפטער גערויש העכער זיך.**

**יאקאב האט געקנאקט מיט די פינגער און געווארט אז יענער זאל אים באמערקן. ווען דער פילאט האט דערזען יאקאב האט ער זיך דערשראקן. "וואס טוט דא א מענטש אין וואלד אזוי פרי פארטאגס?" זיין נייגער האט אים געטריבן צוצוגיין צו יאקאב. יאקאב האט אים דאן געוויזן זיין גאנצע בינטל פלייש קויפאנס און אים געפרעגט "איר ווילט דאס?"**

**דער פילאט האט געעפנט צוויי גרויסע אויגן און געשאקלט מיט'ן קאפ. "זיכער."**

**און יעצט ליינט ווייטער!**

אין רוסלאנד אין יענע צייט איז דאס געווען ווערד זייער פיל. מען האט געקענט האבן גענוג פלייש פאר א לאנגע צייט מיט די קיופאנס.

ווייל אזויווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט, האבן די רוסן פראבירט איינצושטעלן א קאמוניסטישע סיסטעם, ווי יעדער באקומט די זעלבע. דעריבער האט מען נישט געקענט אריינגיין אין א פלייש געשעפט און קויפן וואס מען וויל, נאר מען האט נאר געקענט איינקויפן מיט קיופאנס וואס די רעגירונג האט אויסגעטיילט פאר יעדן איינעם גלייך.

דעריבער אויב איינער האט געקענט שטילערהייט באקומען איבעריגע קיופאנס איז דאס געווען ווערד זייער פיל, ווייל ער האט געקענט האבן אסאך פלייש.

דער פילאט פרעגט יאקאב, "וואס ווילסטו פאר'ן בינטל?"

זאגט אים יאקאב, "איך וויל דו זאלסט מיר אוועקטראגן פון די קאלכאז."

דער פילאט האט געטראכט. עס איז געווען א געוואגטע זאך. אויב וואלט מען אים געכאפט ביי די מעשה, דאן קען סיי יאקאב און סיי דער פילאט באצאלן מיט'ן לעבן, אבער אזויווי עס איז געווען פרי פארטאגס און די גאנצע קאלכאז איז נאך געווען איינגעהילט אין א טיפע שלאף און פון די צווייטע זייט האט אים דאס בינטל שטארק געצויגן, האט דער פילאט מסכים געווען.

"איך וועל אריינגיין אין דארף." האט ער געזאגט פאר יאקאב, "דערווייל באהאלט זיך אין וואלד."

דערנאך האט ער געזאגט פאר יאקאב אז ווען יאקאב וועט אים זען קומען און הערן די מאטאר צינדט זיך אן, זאל ער שנעל שנעל ארויסלויפן פון זיין באהעלטעניש און ארויפשפרינגען אויפ'ן העליקאפטער און אזוי וועלן זיי אפפארן אינאיינעם.

אזוי איז טאקע געווען. דער פילאט איז ארויס פאר בערך א האלבע שעה. ווען יאקאב האט אים געזען קומען האט ער שטילערהייט

ש. טראכטער

# 9

אנגעהויבן ארויסצוקריכן פון זיין באהעלטעניש און איז מיט געמאסטענע טריט צוגעגאנגען צום העליקאפטער.

ווען ער האט געהערט די גערויש ווי די מאטאר צינדט זיך אן, איז יאקאב פלינק ארויסגעשפרינגען פון זיין באהעלטעניש און האט ארויפגעשפרינגען אויפ'ן העליקאפטער.

אין יענע סעקונדע האט זיך די העליקאפטער געהויבן און יאקאב איז געווען אויפ'ן וועג ארויס פון קאלכאז.

אזוי זענען זיי געפארן פאר בערך א שעה צייט, ביז דער פילאט איז אנגעקומען צום נעקסטן קאלכאז. יאקאב האט אים געבעטן אז ער זאל אים נעמען צו א געהעריגע באוואוינטע שטאט, אבער דער פילאט האט מורא געהאט און געזאגט פאר יאקאב אז דאס איז צו איינגעשטעלט. אז מען וועט אים זען אראפקומען מיט א באגלייטער, וועט מען זיי ביידע איינזעצן אין תפיסה.

יאקאב האט פארשטאנען און דעריבער האט ער געגעבן פאר'ן פילאט די קויפאנס ווי אפגעשמועסט און זיי האבן זיך געזעגנט.

יאקאב האט אנגעהויבן טראכטן, "וואס טוט מען ווייטער?" ער האט געהערט שמועות אז די מלחמה האט זיך שוין געענדיגט. דעריבער האט ער געקלערט אז ער וועט זיך ארויסלאזן אהיים, אפשר וועט ער נאך טרעפן א איד, אדער גאר איינער פון זיין משפחה...

**יאקאב האט נישט געהאט קיין השגה וואו צו גיין. ער האט קיינעם נישט געהאט וועמען צו פרעגן. פאר אים איז געווען אויסגעשטערעקט וועלדער און פעלדער אבער נישט קיין מענטשן.**

יאקאב האט אבער נישט געהאט קיין השגה וואו צו גיין. ער האט קיינעם נישט געהאט וועמען צו פרעגן. פאר אים איז געווען אויסגעשטערעקט פעלדער און וועלדער אבער נישט קיין מענטשן. אזוי בעטענדיג ווייטער דעם אייבערשטן וואס צו טון, האט יאקאב אנגעהויבן זיין וועג צוריק, גייענדיג פון דערפל צו דערפל פון פארם צו פארם.

ער האט מורא געהאט צו פרעגן מענטשן וויאזוי אנצוקומען צו זיין ציל, נישט וועלנדיג מען זאל אויפדעקן זיין פארגאנגענהייט. אזוי האט ער געשפאנט די לאנגע וועג צוריק, אזוויוי ער האט געטון א שטיק צייט צוריק, גייענדיג צום קאלכאז.

די וועג אהיים האט אים גענומען זייער לאנג. יאקאב האט געבלאנזשעט, ער איז אנגעקומען טיפער און ווייטער און איז געגאנגען אהין און צוריק.

די וועג צוריק האט אים גענומען צוויי יאר! אין די צוויי יאר האט יאקאב געוואנדערט, געארבעט, געגעסן ווייטער פרוכט און גרינצייג און איז געווארן אפגעברענט פון די שטארקע זון און פארפרוירן און פארקילט פון די שטארקע קעלט.

ער האט זיך אלץ געשטארקט מיט בטחון אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן אזוי ווי ביז אהער.

איין טאג גייענדיג אזוי פארטראכט האט יאקאב פלוצלינג דערזען פונדערווייטנס שינעס פון א באן.

יאקאב האט באשלאסן נאכצוגיין די באן שינעס ביז ער וועט אנקומען צו א סטאנציע און פון דארט וועט ער נעמען די באן אריין צו א געהעריגע שטאט.

לאנג לאנג האט גענומען פאר יאקאב נאכצוגיין די שינעס און אנקומען צו א סטאנציע. אבער ברוך ה' ער האט דאס געמאכט און יאקאב איז אנגעקומען צו א קליינע שטעטל וואס האט געהאט א באן סטאנציע.

יאקאב האט זיך געשטעלט ווארטן אויף די באן. ער האט אבער נישט געהאט קיין דאלער אין טאש. וויאזוי וועט ער קענען ארויפגיין אויף די באן?

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ר' נתן האט געזאגט: "וואס מיר רעדן אין א פשוט'ע מיטוואך, זענען גרויסע צדיקים אין גן עדן נישט זוכה צו הערן!" (תיקון טעות: ס'איז געשטאנען 'א שטיקל ספר המדות', אנשטאט 'א שיחה פון ר' נתן')

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: קיינער פארשטייט מיר נישט נאר ____, און ר' נפתלי אביסל**

א. חייקל
ב. ר' נתן
ג. דער בעל שם טוב
ד. יוסל פאראנטשיק

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט: "אין א פלאץ ווי מען קריגט זיך - געפינט זיך דער שטן!"

## געב א שמייכל

**וויאזוי זאגט מען אין טשיינע "גוט מארגן"?** (דרייט נישט גלייך איבער דעם בלעטל, טראכט א מינוט...)

מיט די מויל...

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה - חלק ראשון**

**לד. לִפְעָמִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שׁוֹלֵחַ צַעַר לְאָדָם וּמַכֶּה אוֹתוֹ וְאֵין מַפִּיל אוֹתוֹ לְחָלְשָׁה, אֵין זֶה כִּי אִם בִּשְׁבִיל אֱמוּנָה.**

צוּמָאל מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן צַעַר, עֶר זָאל וֶוערְן גֶעשְׁלָאגְן, אָבֶּער עֶר וֶוערְט נִישְׁט מַמָּשׁ קְרַאנְק; דָאס קוּמְט נָאר וֶועגְן אֱמוּנָה.



# שרייב טישל

## גאמיר ציך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג), **און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים), **און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **יעקב יודא ראטה נ"ו – קרית ברסלב**

# קליין און פיין


משפחת אפעלבוים


אליעזר שלמה בוים


שרה פרומט, מלכה און
פיגה מאשקאוויטש



נפתלי און מרדכי העסקעל


פייגי פינטער


חי ראטה

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



רבקהלע ראבינאוויטש



אסתר היימליך



קיילי ווייס



משפחת אינדיג



משפחת דעפריס



אברהם יושע קויפמאן



דבורה לעווי



חי ראטה



יוסי ראטה



פייגי לעווי

# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פיאריגע מָאל הָאט מֶען פַארְצֵיילְט פוּן מַיין קָאזִין שָׂרִי וָואס אִיבֶּערְטְרַאכְטְנְדִיג מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ שָׂרִי, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז לִכְאוֹרָה אִיז זִי גֶעטְשֶׁעפֶּעט גֶעוָוארְן פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִיר מִיט אַבִּיסְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג אוּן דֶערְנִידֶערוּנְג.

זִי הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ נֶעבֶּעךְ, וָואס מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר אוּן מֶען לַאדְנְט אִיר אַלְץ מִצְוָה.

יֶעצְטלֵיינְטוַוייטֶער: צִירִי פַארְצֵיילְט: וֶוער וַוארְט נִישְׁט אוֹיף חֲנוּכָּה?

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט לִיבּ חֲנוּכָּה!

עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען צִינְדְט לִיכְט, מֶען זִינְגְט, מֶען שְׁפִּילְט דְרֵיידְל, מֶען עֶסְט לַאטְקֶעס אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם.

יֶעדְן יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט אוֹיף חֲנוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעצֵיילְט דִי טֶעג, אָבֶּער דָאס יָאר אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

דָאס יָאר וֶוער אִיךְ שׁוֹין פַארְעֶכְנְט אַלְץ אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערֶע אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן בַּאבִּי פְרִיעֶד אוּן אִיךְ וֶועל דַארְפְן צוּגְרֵייטְן אַ שְׁפִּיל, וָואס מֶען וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שְׁפִּילְן מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי דִי חֲנוּכָּה פַּארְטִי.

פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו וֶועבְּט זִיךְ שׁוֹין פְּלֶענֶער אִין מַיין מֹחַ, אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז קַיין אֵיינֶע פוּן דִי גֶעדַאנְקֶען מִיר נִישְׁט גֶעפֶעלְן גֶעוָוארְן.

אִיךְ גֶעדֶענְק פָארִיגֶע יָאר הָאט סִימִי רוּבִּין צוּגֶעגְרֵייט זֵייעֶר אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שְׁפִּיל וֶועגְן אַ פַארְלוֹירֶענֶע קְרִיגְל אוֹיל. אֵיין יָאר פְרִיעֶר הָאט בְּרָכָה צִירְל גֶערְטְנֶער צוּגֶעגְרֵייט אַ שְׁפִּיל אַרוּם דִי מִנְהָגִים פוּן חֲנוּכָּה.

וָואס קֶען אִיךְ צוּגְרֵייטְן? עֶפֶּעס וָואס זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן אַוַודַאי אוֹיךְ בַּאלֶערְנְד?

אֶפְשָׁר אַרְבֶּעטְסְטוּ צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ אֵיינֶעם? - הָאט מִיר מַיין מַאמֶע פָארְגֶעשְׁלָאגְן - "אַזוֹי וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ טְרַאכְטְן אוּן צוּגְרֵייטְן דִי שְׁפִּיל".

"אָהָ, דָאס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה!" - בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען - " אוּן אִיךְ וֵייס שׁוֹין אוֹיךְ וֶועמֶען צוּ רוּפְן - שָׂרִי פְרִיעֶד!"

אִיךְ וִויל אִיר דָאךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, אֶפְשָׁר אַז אוּנְז וֶועלְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען, וֶועט דִי בַּאלֵיידִיגוּנְג פוּן דִי לֶעצְטֶע שְׁמוּעֶס פַארְגֶעסְן וֶוערְן אוּן מִיר וֶועלְן קֶענֶען וַוייטֶער לֶעבְן בְּשָׁלוֹם אוּן בְּאַחְדוּת, הַלְוַואי!

אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי פָאוֹן אוּן אַרַיינְגֶעקָאלְט - "הֶעלָאוֹ, שָׂרִי וָואס מַאכְסְטוּ?"

"בָּרוּךְ הַשֵּׁם" - אִיז גֶעקוּמֶען דִי רֶעאַקְצִיֶע, עֶטְוָואס צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן, וֶוער וֵייסְט אֶפְשָׁר הָאט זִי מוֹרָא פוּן אַ פְרִישֶׁע פַארְשֶׁעמוּנְג?

"שָׂרִי, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר דָא אַרוֹיסְהֶעלְפְן? אִיךְ בִּין מַמָשׁ פַארְלוֹירְן, עֶס אִיז שׁוֹין נָאר אַ וָואךְ פַאר חֲנוּכָּה אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אַ גֶעדַאנְק פוּן אַ שְׁפִּיל פַאר דִי קִינְדֶער!

וֵייסְט אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְ'ס בַּאמֶערְקְט, אַז דוּ הָאסְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ אוּן אַ צוּגַאנְג צוּ קִינְדֶער, אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ צוּזַאמֶען טְרַאכְטְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ פַּאסִיגֶע, אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע אוּן בַּאלֶערְנְדֶע שְׁפִּיל, וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם?"

צִירִי, דוּ צִינְדְסְט אָן אַלֶע מַיינֶע חוּשִׁים" - הָאט מִיר שָׂרִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיבֶּערַאשְׁט - "אִיךְ מַיין אַז אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע גֶעדַאנְק. פַּאסִיג פַאר חֲנוּכָּה, אָבֶּער עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט פוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט פַארְשְׁטֵייסְט? עֶס

## ל. סאקס

אִיז מִיר נָאר יֶעצְט בֵּייגֶעפַאלְן".

שָׂרִי אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעהֵייטֶערְט און פוּל מִיט אַמְבִּיצְיֶע, אַזוֹי אַז צוּזַאמֶען הָאבְּן מִיר בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט גֶעהַאט אַ פַּארְטִיגֶע שְׁפִּיל, וֶוען סֵיי אִיךְ און סֵיי שָׂרִי, אַרְבֶּעטְן בַּאגְלֵייט מִיט דִי גוּטֶע גֶעפִיל פוּן הֶעלְפְן און גֶעבְּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן.

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיז וַוייטֶער גֶעוֶוען..





# 27 דער אוצר אויפן באן

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא"ש זי"ע

מוֹהֲרָא"ש זי"ע
אִין דִי מִיטֶעלֶע
יָארְן, בְּשַׁעַת
עֶר הָאט
אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן
נֵייעֶ סְפָרִים
מִיט חִיזוּק




פָּארְזֶעצוּנג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**דער דיין שליט״א ביים באטראכטן די כלים מקוה וועליכע איז געווארן אנגעפילט מיט מי גשמים - ד׳ ויגש תשפ״ה**






**הלאקע פון הילד מנחם מאניש בן אהרן גאלדשטיין אין ת״ת הייכל הקודש ירושלים**



הבחור משה יוסף נ"י בן מו"ה שמשון צבי
טייטלבוים הי"ו ביים עולה זיין לתורה



מען צינדט די חנוכה לעכט אין ישיבה - ד' ויגש תשפ"ה



ראש חודש סעודה פארן כולל היכל הקודש
ביים ראש ישיבה אינדערהיים



דער ראש ישיבה שליט"א ביים לעכט צינדן פון זיין
טאטע האדמו"ר מקארלסבורג שליט"א



דער מלמד מו"ה בערל שניצלער הי"ו ביים אויפשפילן וויאזוי סרח בת אשר שפילט
אויף א פידל אין שטעטל תלמוד תורה
















**א בליק אריין אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק זאת חנוכה**

קרעדיט: אייזיק ראטה, נפתלי זאבל, שמעון פיש




## הער אויף קרעכצן, דיין געלט איז אין פארנט פון דיר.

**טעקס ריטורן** סעזאן איז צוריק דא. אנשטאט קרעכצן און זיפצן אז די עקאנאמי
איז אין די אדמה, רוף אונז אריין און דיין טעקס ריטורן טשעקל איז אין דיין באזיץ.

**#ס׳גרינגער_ווי_דו_מיינסט** // www.kbbs.net // ephraim@kbbs.net // 845.293.7667

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES